STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04106

TSU DER REVIZYE FUN NATSYONAL-RADIKALN GEDANK

William Nathanson

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וו. נאַטאַנסאָן

צו דער רעוויזיע פון נאַציאָנאַל-ראַדיקאַלן געדאַנק

פאַרלאַג ל. מ. שטיין — שיקאַגאָ

Copyright 1936 by
Wm. Nathanson, Chicago, Ill.
Printed in Poland

WM. NATHANSON
CU DER REWIZJE FUN NACJONAŁ-
RADIKAŁN GEDANK
Wyd L. M. Sztejn, Chicago, Ill. 1936
Druk. „RENOMA", Warszawa,
Karmelicka 17

1.

די נייסטע פאָרשונגען און דערקענטענישן אויף אַלע געביטן פון קולטור, און די נייע געפילן און איבערצייגונגען, וואָס באַהערשן איצט אייניקע פונם ראַדיקאַלן לאַגער, — האָבן אַוועקגעשטעלט אין פאָדערגרונט די נויטיקייט און דעם דראַנג צו רעווידירן אַלץ, וואָס גייט אונטערן נאָמען ראַדיקאַלער געדאַנק. עס איז געקומען די צייט, ווען מיר מוזן קריטיש רעווידירן און גרינטלעך איבעראַנדערשן אַ סך פון אונזערע באַגריפן וועגן מענטש, וועלט, גאָט און די שייכותן צווישן זיי.

אין פאַרבינדונג מיט מיין רוף צו אַ נייעם סאָציאַליזם, האָב איך, מיט העכער צען יאָר צוריק, זיך איינגעשטעלט פאַר אַ רעוויזיע פון ראַדיקאַליזם, וואָס איז דער איינציק־גינסטיקער באָדן פאַרן אַלטן ווי פאַרן נייעם סאָציאַליזם.

אַ נייער ראַדיקאַליזם — ווערט אין אַזעלכע אָדער אַנדערע ווערטער געזאָגט אין מיין בוך „קולטור און ציוויליזאַציע" — מוז קומען אויף דער וועלט, אָדער אפשר נאָר אַ ראַדיקאַלער קאָנסערוואַטיזם, וואָס זאָל פאַרנעמען דאָס אָרט פונם איצטיקן קאָנסערוואַטיוון ראַדיקאַליזם. דער נייער ראַדיקאַליזם וועט מוזן אַרבעטן פאַר קאָנסערווירן אַלץ אינם לעבן פון אַמאָל, וואָס איז געווען שיין, דערהויבן און הערלעך. ער וועט מוזן פונדאַסניי אַריינברענגען אין איצטיקן לעבן ווי אַ ווירקנדיקע קראַפט אַלץ פון דעם אַמאָל, וואָס איז אַלט און דאָך ניי, — ווייל עס טראָגט אין זיך אַן אייביקן אמת. פאַראַנען אמתן, וואָס הגם זיי בייטן אין פאַרלויף פון דער צייט אויף טויזנטערליי אופנים זייערע פאָרמען, בלייבן דאָך זייערע אינהאַלטן אויף אַלע מאָל

איינע און דיזעלביקע. איינער פון די דאָזיקע אמתן איז פאַרוואָרצלט אין דעם גלויבן און אין דעם געפיל פון מענטשן, אַז די וועלט איז אין איר תוך און מהות פול מיט געדאַנק, געפיל און ווילן; אַז רוחניות און נישט גשמיות איז דעריבער דער מקור און ענדציל פון וועלט און מענטש, און אַז דער אָנהאַלט און אינהאַלט פון אַלץ — אין וועלט ווי אין מענטש — איז גאָט. מיטן דאָזיקן פעסטן גלויבן און טיפן געפיל וועט אויך מוזן דורכגעדרונגען ווערן דער ראַדיקאַליזם, כדי צו קאָנען ווייטער טרייבן די אַנטוויקלונג פון דער קולטור אין אַלע אירע אויסדרוקן.

נישט דער ראַדיקאַליזם האָט דער ערשטער פאַרלייקנט דעם געדאַנק, אַז אין דער וועלט און איבער דער וועלט איז פאַראַן אַן איינאיינציקער, אַלץ־שאַפנדיקער און מיט אַלץ אָנפירנדיקער גייסט, וואָס הייסט גאָט; און נישט ער האָט דער ערשטער זיך איינגעשטעלט פאַר דעם, אַז מענטש, וועלט און די שייכותן צווישן זיי קאָנען דערקלערט ווערן און צו טיפקייטן דערפירט ווערן אָן דער השערה אָדער פאַרשטעלונג פון אַן אַלוועלטלעכן גייסט. די פאַרלייקענונג פון דער גאָט־אידעע און דאָס מאָלן זיך די אַנטשטייאונג פון וועלט און מענטש אָן אַ הערשנדיקן גייסט, זענען געקומען צום ראַדיקאַליזם ווי אַ היפּאָטעזע פון דער וויסנשאַפט אין דער צייט, ווען איר האָט זיך געדוכט, אַז זי פאַרמאָגט גענוג גייסטיקע וואָפן אויף דורכצוברעכן אַלע גדרים און אַריינצורייסן זיך אין די גרענעצן פון פילאָזאָפיע, קונסט און רעליגיע און ווערן אַזוי אַרום די אַליינהערשערין אין דעם קיניגרייך פון דערקענטעניש. דער „אויפטו" פונם ראַדיקאַליזם אויף דעם געביט איז געווען נאָר דאָס, וואָס ער האָט געלאָזט די דאָזיקע וויסנשאַפטלעכע היפּאָטעזע פּאַראַדירן ווי אַ וויסנשאַפטלעכן אמת. דערמיט האָט ער בלויז פאַרפירט און צו נאַרנישט דערפירט די מוחות און הערצער פון די ראַדיקאַלן.

די וויסנשאַפט גופא אָבער, ווי דאָס ווייסן שוין איצט אַלע, וועלכע קוקן נאָר אַריין אין אירע קליינע אותיות, הויבט זיך אָן צו דערשלאָגן צו גאַנץ אַנדערע מיינונגען בנוגע די אייביקע פראַגן און אייביקע רעטענישן. דאָס זענען די פראַגן — ווי פרץ זאָגט — „וואָס קלינגען אַרויס צו אונז פון אונטער דער ערד און פון איבער די וואָלקנס, פון אַלע זייטן און ברייטן, וואָס וועקן אונז פון

טיפּסטן שלאָף, וואָס טרייבן די שענסטע אדם וחוה פֿון גן־עדן אַרויס, וואָס יאָגן אונז אָן אויפֿהער אויף דעם ברייטן, אומענדלעכן לעבנס־וועג פֿון פֿאַרשטעלונג צו פֿאַרשטעלונג, פֿון פֿאָרם צו פֿאָרם, פֿון וועלטן צו וועלטן. — וואָס טרייבט? וואָס איז וועלט? וואָס איז לעבן און טויט? ליבע און האַס? וואָס בויט און צעשטערט? וואָס רופֿט צוזאַמען און צעטרייבט? דאָס זענען די אייביקע פֿראַגן. מיט דער צייט ענדערט זיך די פֿאָרם, עס טוישט זיך דער אָרקעסטער, עס טוישן זיך אויך די אינסטרומענטן, די סימפֿאָניע בלייבט די זעלבע".

לעצטנס זענען אויפֿגעשטאַנען וויסנשאַפֿטלער פֿון גרויס באַטייט, וועלכע פֿרעגן שוין מער נישט אָפּ די מעגלעכקייט זיך פֿאָרצושטעלן, אַז לעבן און גייסט עקזיסטירן מחוץ און איבער אַלע קאַטעגאָריעס פֿון שטאָף און ענערגיע. איז אויב מיר ווילן, אַז אונטער דעם באַגריף נ אַ ט ו ר זאָל פֿאַרשטאַנען ווערן דווקא נאָר דאָס, וואָס קאָן צוריקגעפֿירט ווערן צו שטאָף און ענערגיע, דעמאָלט איז העכסט וויסנשאַפֿטלעך צו גלויבן אין דער עקזיסטענץ פֿון איבערנאַטירלעכע כחות, וואָס באַווירקן און באַאיינפֿלוסן אונז אויף אַן אוממיטלבאַרן אופֿן. ווילן מיר ווידער מיט שפּינאָזאַן דערהויבן און פֿאַרטיפֿן דעם באַגריף נאַטור אַזוי, אַז ער זאָל איינשליסן אין זיך אויך לויטער לעבן, ריינעם גייסט, אַליך־דורכדרינגענדיקן באַוווסטזיין, דעמאָלט מעג מען, אין הסכם מיט די געבאָטן פֿון דער וויסנשאַפֿט, אידענטיפֿיצירן דעם העכסטן פּרינציפּ פֿון נאַטור, איר קדשי־קדשים, מיט דעם איינאיינציקן העכסטן אַלוועלטלעכן גייסט אָדער — גאָט. נאָר אויף אַזאַ און נישט אויף קיין אַנדערן אופֿן מעג מען זאָגן, ווי שפּינאָזאַ האָט געזאָגט: דעאוס סיווע נאַטורא — גאָט אָדער נאַטור.

דער אַמעריקאַנער נאַטוראַליסט דזשאַן בּאַראָוס האָט שוין מיט פֿערצן יאָר צוריק דערקלערט, אַז די ביאָלאָגן האָבן מער נישט קיין גרונט צו גלויבן, דאָס נאָר בלינדע פֿיזישע קרעפֿטן זענען פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דער אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פֿון לעבעדיקע באַשעפֿענישן. זיי, די ביאָלאָגן, קאָנען מער נישט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז אַזאַ קאָמפּליצירטער מעכאַניזם ווי דער מענטשלעכער קערפּער מיט אַלע זיינע ווונדערבאַרע אברים, איז אַ רעזולטאַט פֿון בלינדן צופֿאַל: אַ שפּיל פֿון פֿיזישע קרעפֿטן, וואָס אַר־

בעטן אַז אַ ציל און אַז אַ צוועק. די דאָזיקע פיזישע קרעפטן אַליין קאָנען אויף קיין אופן נישט דערקלערן די אַנטשטייאונג און אַנט־וויקלונג אפילו פון אַזאַ איינפאַכער און נידעריקער באַשעפעניש, ווי די אַמעבאַ.

„די וועלט, — שרייבט באַראָנס — איז נישט קיין לאַבירינט פון ווירקונג, קעגנווירקונג און צווישנווירקונג פון פיזישע קרעפטן. וועלט טראָגט אין זיך אויף אַ פאַרבאָרגענעם פאַר אונז אופן זין און ווערט, ציל און צוועק. זי איז דורכגענומען מיט גייסט און באַוווסטזיין. די נאַטור איז בלינד דערפאַר, ווייל אין איר טיפסטן תוך איז זי דורכאויס אויג, און זי זעט דורך די שפּראָץ־אויגעלעך פון אירע בוימער, דורך די וואָרצלען פון אירע פלאַנצונגען אַזוי גוט ווי דורך די אָפּטישע נערוון פון אירע חיות".

און דאָס אויג פון אַלע אויגן און די זעעוודיקייט פון אַלע זעאונגען איז דאָס אויג און די זעעוודיקייט פון דעם העכסט־גייסטיקן וועזן — גאָט.

די וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען הויבן אַלזאָ אָן אַלץ מער און מער צו פירן דעם מענטשן אין דער זעלביקער ריכטונג, אין וועל־כער עס האָבן אים אַלע מאָל געפירט די פילאָזאָפישע ספּעקולאַציעס און די רעליגיעזע אַנטפּלעקונגען: אין דער ריכטונג פון אַוועק־שטעלן איבער און אין אַלץ, וואָס הייסט וועלט, נאַטור און מענטש — דעם אחד ואין יחיד כיחודו — דעם איינציקן, וואָס נישט פאַראַן אין קיין איינציקער ווי זיין איינציקייט און וואָס הוא היה, והוא הוה והוא יהיה — ער איז געווען, ער איז איצט און ער וועט זיין און והוא אלי וחי גואלי — וואָס ער איז מיין גאָט און ער — מיין אויסלייזער, לעבט".

אויסלייזער פון וואָס?

אויסלייזער פון דעם דערדריקנדיקן און צעשמעטערנדיקן גע־פיל, אַז נישטאָ איז אין דער וועלט קיין מער זעעוודיק אויג, מער הערעוודיק אויער, קיין טיפער פילנדיקע נשמה און מער אַרומ־נעמענדיקער פאַרשטאַנד, ווי דאָס אויג, דאָס אויער, די נשמה און דער פאַרשטאַנד פון דעם וועזן — מענטש.

„אונזער לעבן — שרייבט פּרץ — וואָלט אַ זומפּ געוואָרן, ווען גאָטס ווינטיקער אָטעם זאָל נישט בלאָזן איבער דעם וואַסער־

און טרייבן דאָס שיפֿל אַלץ ווייטער און ווייטער צום געחלומטן ברעג״.

נישט צו די געחלומטע ברעגעס פֿון נשמה־טיפֿקייט, גייסט־רייכקייט און פֿרייד האָט די וויסנשאַפֿט, דער אָפּגאָט פֿון דעם ראַ־דיקאַליזם, געפֿירט די מענטשהייט פֿאַר די לעצטע הונדערט יאָר, אין דער צייט, ווען זי איז געפֿאַלן כורעים פֿאַר דעם מאַטעריאַליזם און איז ביז צום לעצטן טראָפּן אויסגענוצט געוואָרן פֿאַר ציוויליזאַציע, אַנשטאָט, — ווי זי וואָלט געקאָנט, ווען נישט איר רייסן זיך צום פֿילאָזאָפֿישן מאַטעריאַליזם, — אויסגענוצט ווערן פֿאַר קולטור. פֿאַר דער דאָזיקער גאַנצער צייט האָט זי געפֿירט דעם מענטשן צו די ממשותדיקע ברעגעס פֿון נשמה־פֿלאַכקייט און גייסט־אָרעמקייט.

און נישט נאָר איצט איז עס אַזוי, נאָר אַזוי איז עס געווען אַלע מאָל. צו יעדער צייט און אומעטום, ווען און ווו נאָר די ציוויליזאַציע פֿלעגט עולה לגדולה זיין, האָט זי געפֿירט דערצו, אַז דער מענטש זאָל זיך בוקן אונטער איר השפּעה צום נידעריקן און פֿלאַכן, צום צייטווייליקן און פֿאַרגענגלעכן און קוקן פֿון אויבן אַראָפּ אויף אַלץ, וואָס שלאָגט אין דער טיף, שטויסט אין דער הויך און ציט זיך צו דעם, וואָס איז אומענדלעך און אייביק. און דערפֿאַר זענען טאַקע פֿעלקער אונטערגעגאַנגען, אָפּגעווישט גע־וואָרן פֿון דער ערדס פּלאַך, ווי די נביאים האָבן עס פֿאָראויסגע־זאָגט אין יענעם מאָמענט, ווען זייער ציוויליזאַציע האָט דער־גרייכט די העכסטע פֿאַר יענער צייט מדרגה. אין אַזאַ מאָמענט, ווען די ציוויליזאַציע האָט באַוועלטיקט די קולטור,

זאָגט דער נביא יחזקאל צום פֿירשט פֿון צור:

מיט דיין גרויס חכמה און מיט דיין שכל
האָסטו דיר אָנגעשאַפֿט אַ פֿאַרמעג,
און אָנגעשאַפֿט גאָלד און זילבער אין דיינע אוצרות.
מיט דיין גרויס חכמה, מיט דיין האַנדל,
האָסטו געמערט דיין פֿאַרמעג!
און דיין האַרץ האָט זיך דערהויבן וועגן דיין פֿאַרמעג.
דרום זע, איך ברענג אויף דיר פֿרעמדע,
די פֿאַרכטיקסטע פֿון די פֿעלקער,

און זיי וועלן ארויסציען זייערע שווערדן
אויף דיין שיינער חכמה,
און זיי וועלן פֿארשוועכן דיין גלאַנץ.
אין גרוב וועלן זיי דיך נידערן
און דעם טויט פון א דערשלאָגענעם וועסטו שטאַרבן
אין האַרצן פון די ימען.

דער נביא האָט אַלע מאָל געזען די געפאַר פון אונטערגאַנג אין דער געוועלטיקונג פון מאַטעריע איבער גייסט, פון ציוויליזאַציע איבער קולטור און פון גאָטלאָזיקייט איבער גאָט־גלויביקייט. און דראָט דען איצט נישט די זעלביקע געפאַר נאָר א סך פעלקער, און נאָר דערפאַר, וואָס אָנשטאָט זיך הויבן הויך צום הימל פון קולטור, בויגן זיי זיך אַלץ נידעריקער צו דער ערד פון ציוויליזאַציע. אינם לעצטן יאָרהונדערט האָט זיך אָנגעהויבן דוכטן דער מענטשהייט, אַז די מיט מענטשלעכע הענט געבויטע ווינט־מילן קאָנען פאַרטרייבן די מיסטעריען, וואָס זענען פאַרבאָרגן אין יעדן זאַמדעלע און שטיינדעלע אויף דער פלאַך פון דער ערד און אין יעדן וואָלקנדל און שטערנדל אין דעם הימל.

ווי הימל איבער דער ערד, אַזוי מוז קולטור זיין איבער ציוויליזאַציע, די ציוויליזאַציע דאַרף גלוסטן צו קולטור, און די קולטור מוז איבער איר געוועלטיקן. איז עס חלילה פאַרקערט, האַלט עס שלעכט מיט מענטש, פאָלק און מענטשהייט. מענטש גייט אויף און שטייגט אויפן וועג צו גאָט, אָבער ער פאַלט און פאַרגייט אויפן וועג צו דעם, וואָס איז בלויז מענטש אָדער נאָך ווייניקער ווי מענטש. א וועלט, וואָס ווערט נישט דערפילט פון מענטש, ווי א געשאַפענע פון א העכסט־גייסטיקער קראַפט, א וועלט אַן אויסגעלײדיקטע פון גאָט, מוז סוף־כל־סוף אויך אויסגעליידיקט ווערן פון האַרץ און נשמה, פון זין, ווערט און צוועק. זי מוז ווערן א הפקר־וועלט. אין אַזא וועלט קאָן מענטש צו לאַנג נישט אָטעמען.

דער סאָציאַליזם אין זיין ביז־איצטיקער געשטאַלט וועט נישט דאַטעווען נישט מענטש און נישט מענטשהייט, ווייל ער, ווי דער ראַדיקאַליזם, וואָס האָט אים צו לעבן געבראַכט, שטיצט זיך אויף א גלויבן אין עטער אָנשטאָט — גאָט, אין מאַשין־קראַפט אָנשטאָט — ווילנסקראַפט און אין געזעץ פון נאַטור א סך מער ווי אין פריי־

הייט פון גייסט. די האָפענונג אויף אַ רעטונג, דער גלויבן אין נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער גאולה, קאָן איצט דערמוטיקט און גע־קרעפטיקט ווערן נאָר דורך פילן און פאַראויסזען, אַז עס מוז און וועט אויפשטיין אַ נייער דור פון ראַדיקאַלע מענטשן, וואָס געטריבן פון הונגער נישט נאָר נאָך ברויט, וואָס דאָס איז ציוויליזאַציע, נאָר אויך — און מער — נאָך גאָט און זיין וואָרט, וואָס דאָס איז קול־טור — וועלן זיי נישט רוען און נישט איינשטילן זייערע געמי־טער, ביז וואַנען עס וועט נישט צווישן מענטש און מענטש און צווישן פאָלק און פאָלק

קוואַלן ווי וואַסער גערעכטיקייט

און רעכטפאַרטיקייט ווי אַ שטראָם אַ שטאַרקער,

לויט די ווערטער פון עמוס.

די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע געשעעענישן און איבערקערענישן אין דער וועלט היינט צו טאָג, די אַלע לעצטע אומקומענישן און אויפקומענישן אויף אַלע קולטור־גייסטיקע געביטן, האָבן בלי שום ספק דרינגענדיקער געמאַכט די באַלדיקע נויטווענדיקייט פאַר אַלע ראַדיקאַל־געגנויגטע מענטשן זיך פונדאַמסניי צו פאַרטראַכטן וועגן די אויסגאַנג־פונקטן און ענדצילן פון דעם ראַדיקאַליזם: וואָס זע־נען זיי און וואָס דאַרפן זיי זיין. און נאָך מער ווי פאַר אַלע ראַדי־קאַלן איז אַזאַ פאַרטראַכטן זיך נויטיק פאַר די יידישע נאַציאָנאַלע ראַדיקאַלן.

דער רוף צו אַ נייעם ראַדיקאַליזם פאָדערט דעריבער אַ קלאָרע תשובה אויף די פראַגן: וואָס זאָלן זיין די יסודות, אויף וועלכע עס זאָל געבויט ווערן דער דאָזיקער נייער ראַדיקאַליזם אָדער ראַ־דיקאַלער קאָנסערוואַטיזם? ווי אַזוי און מיט וועמען זאָלן מיר טאַקע באַלד צוטרעטן צום איבערבויאונגס־פּראָצעס, וואָס זאָל ראַ־טעווען פון אונטערגאַנג אַלץ, וואָס איז דערהויבן און גוט, וואָס איז צושטאַנד געקומען דורך אומגעהויערער מי און מסירת נפש פון מענטשן אָן אַ צאָל אין לויף פון יאָרן אָן אַ שיעור?

.2

„אונטערגאַנג דראָט דער אייראָפּעאישער קולטור!" — איז דער וויי־געשריי, וואָס האָט זיך נאָך־וואָס דערהערט פון יענער זייט

ים פון דעם יידישן געלערטן אהרן שטיינבערג. פון אים קומט אויך אַ רוף צום יידישן פאָלק: הויב אָן בויען פונדאַמענט אויף דיינע אַלטע רעליגיעז־מאָראַלישע יסודות.

אין אַן אַרטיקל „די ירידה פון דער אייראָפּעאישער קולטור"*) שרייבט ער: „דער, וואָס פאַרקלערט זיך נישט וועגן דעם, צי האָבן די געשעענישן פון 1933 נישט עפּעס אַ טיפע אינעווייניקסטע שייכות מיט די לעצטע יסודות פון דער נייצייטיקער דייטשער און דעריבער אויך אַלגעמיין־אייראָפּעאישער קולטור, דער וועט בשום־אופן נישט קאָנען באַגרייפן, ווו מיר האַלטן היינט אין דער וועלט און דורך וועלכע חורבות מען וועט נאָך מוזן בויען דעם וועג אין דער צוקונפט. נאָך רוסלאַנד און איטאַליע איז דייטשלאַנד די דריטע התראה. וויסט און וויי צום רעשטל פון דער אייראָפּעאישער קולטור, אויב זיי וועלן אַריבער נישט געהערטערהייט. — די גייסטיקע איבערקערעניש אין דייטשלאַנד איז דער פועל־יוצא פון אַן אַלגעמיינער כראָנישער קולטור־קרענק, וואָס איר הויפּט־סיבה איז בלינדע התפּעלות פאַר דער וויסנשאַפט. נאָכן דייטשן עקספּערימענט מוזן מיר וויסן, אַז סיי וויסנשאַפט, סיי פּראָגרעס זענען פּוסטע חלומות, ווען מען פאַרלאָזט זיך אויף זיי בלינד. מיט דער וויסנשאַפט און מיט דעם גלויבן אין פּראָגרעס איז עלול אונטערצוגיין די גאַנצע אייראָפּעאישע קולטור".

אין אַ לעקציע אויף דער טעמע „די איצטיקע יידישע לאַגע אין ליכט פון דער געשיכטע"**) האָט דער זעלביקער שטיינבערג געזאָגט: „דאָס יידישע פאָלק איז נישט אונטערגעגאַנגען צוזאַמען מיט דער אַנטיקער וועלט, ווייל עס האָט אין מיטן פון דער וועלט־קאַטאַסטראָפע ווייטער געבויט זיין לעבן אויף די אַלטע רעליגיעז־מאָראַלישע יסודות. דעם דאָזיקן מוסר־השכל דאַרפן מיר היינט אָפּלערנען פון אונזער געשיכטע".

און אהרן שטיינבערג איז נישט איינער אַליין אין זיין רוף. אויך זיין ברודער יצחק נחמן שטיינבערג, רעדאַקטאָר פון „די פרייע שריפטן", קומט באַלד נאָך אים אַרויס מיט אַ רוף צו די יידישע מאַסן — „צו יענע מיליאָנען אומבאַקאַנטע טרעגער פון

---

*) זע „דאָס פרייע וואָרט".

**) באַריכטעט אין „דאָס פרייע וואָרט".

יידישן שיקזאַל און יידישער צוקונפט, וועלכע האָבן ביז איצט שטענדיק אויסגעהאַלטן די שטורעמס פון דער געשיכטע". צו זיי און דורך זיי — צום גאַנצן יידישן פאָלק — שרייט ער: רייניקט אייך פון ציוויליזאַציע! דרינגט טיפער אריין אין תוך און מהות פון קולטור! בויט אַ נייע קולטור־פעסטונג פאַר אייך און פאַר די קומענדיקע דורות פון דער גאַנצער מענטשהייט, בויט זי אָבער אויף די אַלטע פעסט־פאַרוואָרצלטע רעליגיעז־מאָראַלישע יסודות.

אין אַן אַרטיקל „היינטערשטעליק זענען מיר"*) שרייבט י. נ. שטיינבערג: „מיר ווילן זיך אויסדרייען צו אייך, ציוויליזירטע געצנדינער, מיט יענעם פנים פון אַמאָל, פאַר וועלכן עס האָבן געציטערט די מעכטיקע פעלקער פון בבל און אשור, פון יון און רוים... זיי, די גרויסע אימפעריעס מיט די גרויסמאַכטיקע עבודה־זרה־טעמפּלען, האָבן אונז געהאַסט, ווייל זיי האָבן געזען דעם געטלעכן אָפּשיין פון מאָראַלישן חוב און גלויביקער עקשנות... ווייל אין אונזערע אויגן האָבן זיי געלייענט די דראָענדיקע ווערטער: אין שלום לרשעים!

„אָט מיט דעם מאָראַלישן שלאַכט־רוף: אין שלום לרשעים — מוזן מיר אויך היינט אָפּשטעלן אונזער לויפן, אָפּשטעלן זיך, איבערכאַפּן דעם אָטעם און איבערגרופּירן די אייגענע גייסטיקע כחות — איבערבויען זאָלן מיר זיך, ראשית כל. נישט נאָר „סאָציאַלע אומשיכטונג און פּראָדוקטיווירונג" ווערט דאָ געמיינט, נאָר איבערבוי פון תוך און סטרוקטור. אַ רעליגיעז־מאָראַלישע איבעראָקערונג פון דער פאַרטריקנטער ערד אונזערער"...

דאָס געפיל, אַז די איבערגעטריבענע מיינונגען וועגן דער ראָליע פון דער וויסנשאַפט שטעלן אין געפאַר די קולטורישע און גייסטיקע אַנטוויקלונג פון מענטש און מענטשהייט, האָט נאָך מיט יאָרן צוריק אַרויסגעבראַכט די פאָלגנדיקע פּאַראַגראַפן אין מיין ווערק „קולטור און ציוויליזאַציע":

„די וויסנשאַפטלעכע צעברעקלונג פון דער וועלט אַלס גאַנצעס אין אַן אומענדלעכער צאָל טיילן און טיילעכלעך, האָט אַלץ מער און מער פאַרטונקלט פאַר די אויגן פון מענטשן דאָס בילד פונעם וועלט־אַל אין זיין אוממיטלבאַרער גאַנצקייט. די כסדרדיקע

---

*) זשורנאַל „שיקאַגאָ".

אנטדעקונגען פון אורזאַכן, וואָס דערקלערן פאַרשידענע דערשיי־נונגען אין באַזונדערע טיילן פון דער וועלט; די האָפענונגען, אַז אַט באַלד און מיר וועלן דורך די דאָזיקע דערקלערנדיקע אורזאַכן און דערקלערבאַרע דערשיינונגען צוקומען צו דער אורזאַך פון אַלע אורזאַכן; דער געוואַלטיקער אינטערעס פון מענטשן אין די מאָמענטאַלע רעזולטאַטן פון די דערפינדונגען — דאָס אַלץ איז־איינעם גענומען האָט מוראדיק פאַרקלענערט דעם מענטשלעכן אינטערעס און, גאַנץ אָפט, געפירט אַפילו צו אַ בוכשטעבלעכן פאַרגעסן אין דער העכסטער רעאַליטעט — אין דער רעאַליטעט, וואָס אין איר טרעפן זיך צונויף אַלע אורזאַכן, און וועלכע קאָן בשום־אופן נישט דערקלערט און דערגרונטעוועט ווערן דורך אַזעלכע וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן און צוטריטן. דער מענטש איז געגאַנגען אַזוי ווייט אין זיין גייסטיקער געפאַלנקייט און קולטורי־שער אָפּגעשטאַנענקייט, אַז ער האָט זיך שוין אַפילו אָנגעהויבן צופרידנצושטעלן מיט דער אויבנאויפיק־אויסזעענדיקער אומדערקלערבאַרקייט און אומאַנטפּלעקבאַרקייט פון דער וועלטס מהות.

די נאַטור מיט איר קאַוזאַליטעט, וואָס קאָן נישט אַנדערש ווי אויף וויסנשאַפטלעכע אופנים געפאָרשט און אַנטדעקט ווערן, האָט דעם מענטש בלינד געמאַכט פאַר דער רעאַליטעט מיט איר זעלבסט־פאַראורזאַכטלעכקייט, וועלכע ווערט דערבליקט און אַנט־פּלעקט אויף וועגן און אופנים, וואָס ליגן מחוץ ולמעלה פון דער וויסנשאַפט.

די וויסנשאַפט, וואָס מיט איר איז פאַר אַ געוויסער צייט על פי טעות אידענטיפיצירט געוואָרן דער פראָגרעס פון מענטשלעכן געדאַנק, האָט נישט געקאָנט שאַפן קיין נייע צילן און אינהאַלטן פאַר דעם מענטשלעכן לעבן, און נישט אַפילו פאַרטיפן זיינע אַלטע צילן און אינהאַלטן. און נישט געקאָנט האָט די וויסנשאַפט דאָס טאָן, ווייל זי האָט אַריבערגעטראָטן אירע אייגענע גרענעצן און אַריינגריסנדיק זיך, אַ פאַרשכורטע פון אירע דערפאָלגן, אין די גרענעצן פון פילאָזאָפיע און אַנדערע קולטור־געביטן, האָט זי גע־שאַפן היפּאָטעזן וועגן דער אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון לעבן בכלל און פון מענטשלעכן לעבן בפרט, וואָס זענען אויפגע־נומען געוואָרן ווי אַבסאָלוטע אמתן פון אַ באַדייטנדיקן און ווירק־

זאמען טייל פון דער מענטשהייט. לײדער זענען עס געװען הי־פּאָטעזן פון דעם מין, װאָס האָבן װי מיט דעם שאַרפסטן שװערד געשניטן די פליגלען פון דער מענטשלעכער פאַנטאַזיע און האָבן װי די שטאַרקסטע װײנטן געטראָגן אַ שיעור זאַמד, װעלכע האָט זיך מיט דער שװערקייט פון בלײ געלײגט אויף די אָפּגרונטן פון מענטשלעכע גײַנונגען און געפילן און פּאַראַליזירט זײַנע שטרע־בונגען און טואונגען".

די פראַגע, װאָס דאַרף דעריבער צום שטאַרקסטן איצט עגבערן אונזער מוח איז: „װאָס זאָלן מיר טאָן, כדי צו געבן פונ־דאַסניי פליגלען אונזער פאַנטאַזיע, און כדי צו באַפרײַען אונזערע הערצער און נשמות פון דער זאַמדיקער און בלייענער שװערקייט און פון דעם פּאַראַליז פון שטרעבונג און טואונג?

אויף װעלכע װעגן פון טואונג און האַנדלונג זאָלן מיר אַט שוין אַליין אָנהױבן גײן און אויך אונזערע קינדער פירן, כדי מען זאָל קאָנען דערװאַרטן װעלכע עס איז ממשותדיקע רעזולטאַטן פון אַ שרײַ טאָן אין דער װעלט אײנאײנעם מיט יצחק נחמן שטײנ־בערג: „איר ר י י נ י ק ט זיך פון אונז, איר האַלט זיך פאַר באַ־פלעקט פון אונז... פּרא אדמס װאָס איר זענט! מיר װילן גאָר־נישט פאַראומרײניקן אײַך, מיר שטרעבן גאָרנישט צו זײַן ע נ ־ ל ע ך צ ו א י י ך. דאָס איז פאַר אונז נישט קײן יחוס און נישט קײן צוקונפט. מיר האָבן אײגענע אויפגאַבן, אײגענע מיסיעס, װעלכע איר, אין שטאָל געפּאַנצערטע, מיט גיפט־גאַזן באַטױבטע סאָלדאַטן, — קענט אַפילו נישט תופס זײַן... איר װילט דורך גזרות אונז צוריקװאַרפן צום מיטלאַלטער? מיר האָבן קײן מורא נישט — מיר װעלן זיך צוריקקערן אויף יאָרטױזנטער צוריק — צו די צײַטן פון אַ באַרג סיני, פון נביאים".

„צוריק צום באַרג סיני, צו די נביאים" באַטײַט אײגנטלעך דאָס זעלביקע װאָס: צוריק צו די אַלטע רעליגיעז־מאָראַלישע יסודות. און איצט, װען עס װערט מיט יעדן טאָג אַלץ מער קענ־טיק און פעסטגעשטעלט דער באַנקראָט פון די טרױמערײען פון דער װיסנשאַפט און פון די צוזאָגן פון דער ציװיליזאַציע, איצט, װען דער מאַטעריאַליזם מיט זײַן נאָענטן שכן אַטעאיזם, קאָנען שוין בײדע קוים שלעפּן זײערע פיס, װאָס האָבן זיך גאָר אַרויס־געװיזן אַלס הילצערנע אָנשטאָט פון בײן און פלײש — איצט איז

אזא רוף אויף צוריק — צוריק צו אָנערקענען די גרויסע ראָל פון רעליגיאָזיטעט, צוריק צו אָנערקענען די גרויסע השפעה פון די עטישע געפילן — זיכער א רוף אין דער ריכטיקער צייט.

מיר דאַרפן אָבער איצט פרעגן: ווערט דער זין און דער גייסט פון די צייטן פון בארג סיני און די נביאים פארשטאַנען אויף איינעם און דעמזעלביקן אופן פון אַלע די, וואָס רופן איצט צוריק צו דער תורה, וועלכע איז אויף אַט דעם באַרג געגעבן געוואָרן, און צו די נביאים, וועלכע האָבן אין נאָמען פון גאָט גערעדט צום פאָלק און דורך דעם פאָלק צו דער גאַנצער מענטשהייט די טיפסטע און שענסטע שטראָפרייד, וואָס זענען ווען עס איז פון א מענטשנס מויל אַרויסגערעדט געוואָרן?

בעת מיר רופן צוריק צו די צייטן, ווען די געבאָטן זענען גע־געבן געוואָרן און ווען די נביאים האָבן אין גאָטס נאָמען גע־פאָדערט קולטורישע פארטיפונג און דערהויבונג, דאַרפן מיר זיך דערמאָנען אין דעם פאַקט, אַז גאָר א סך ראַדיקאַלן און מיט זיי אינאיינעם כמעט אַלע קינדער, וואָס באַזוכן די יידישע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן, פילן די צייטן פון באַרג סיני און פארשטייען די לערעס פון די נביאים אַזויפיל, וויפיל די אָנפירער פון די תלמוד־תורות און די קינדער, וואָס ווערן דאָרט דערצויגן, וויסן און פילן וועגן די סאָציאַלע אכזריותן און אומגערעכטיקייטן און וועגן דער אויסלייזונג, וועגן וועלכע די סאָציאַליסטן טרוימען.

רחמים בעט איך מיך לעצטנס ביי א סך יידיש־נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע קרייזן, אַז זיי זאָלן אויפנעמען דעם רוף פון דער צייט פאַר א נייעם יידישן לעבנסשטייגער, וואָס זאָל רעוואָלוציאָניזירן די יידישע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע היים און שול, און איינצייטיק שווין מאַכן א סוף צום תהום, וואָס האָט אַלעמאָל עקזיסטירט צווישן דער היים, וועלכע דאַרף דערציען און לערנען, און דער שול, וועלכע דאַרף לערנען און דערציען, — א סוף צום תהום, וואָס איז געווען אַלעמאָל און ווערט נאָך איצט מער — דער שטאַרקסטער סם־המות פאַר דער דערציאונג און אַנטוויקלונג פון יידיש־ראַדיקאַלן קינד און א גייסטיקער גליטש אַראָפּוועגס פאַר די עלטערן. מיין פאָדערונג איז געווען, אַז מיר זאָלן זיך אַלע קאָנסאָ־לידירן אַרום א געזעלשאַפט, וואָס זאָל זיך אָנשטרענגען מיט אַלע כחות אַריינצוברענגען אין דער יידיש־ראַדיקאַלער וועלט א לעבנס־

שטייגער, וואָס זאָל מעגלעך מאַכן פאַר יעדן פון אונז און פאַר יעדן קינד אונזערם אַריינצולעבן זיך בלב ונפש אין די אוראַלטסטע שטייגערס פון אונזער פאָלקס-לעבן, וואָס האָבן געטראָגן און טראָגן נאָך אויך איצט, אין ליכט פון אַלע נייעסטע קולטור־אויפ־טואונגען און דערגרייכונגען, אַ וועלט פון שיינקייט און דערהויבנ־קייט, און וואָס פאַרמאָגט נאָך דערצו דעם חן פון זעלטנקייט און איינגנאַרטיקייט. מיר, אינאיינעם מיט אונזערע קינדער, דאַרפן זיי פונדאָסניי איבערלעבן, פונדאָסניי דערפילן זייער טיפקייט, גרויס־קייט און שיינקייט.

לעת-עתה האָט זיך אָבער מיין בקשה אָנגעשטויסן אויף הער־צער, דורכגענומענע מיט אַ פּראַסטיקער קאַלטקייט צום גייסט פון אַמאָל, און אויף מוחות, וואָס זיי פעלט פאַרשטענדעניש פאַר דעם, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אויפן באַרג סיני און דורך די נביאים. אַזוי און נישט אַנדערש איז געווען צום דערוואַרטן. זאָלן מיר איצט האָבן דעם מוט מודה צו זיין, אַז צו אונזערע גרויסע און אמתע צילן פון נאַציאָנאַליזירן דעם ראַדיקאַלן טייל פון פאָלק, זענען מיר געגאַנגען אויף גאָר אַ סך פאַלשע וועגן, און אינגאַנצן אַרויסגעלאָזט פון אויג, האַרץ און מוח געוויסע אויסגאַנגפּונקטן. נישט גרינג וועט דעריבער אָנקומען דאָס באַקערן זיך אַליין און אַנדערע צו דעם, פון וואָס מיר האָבן די לעצטע יאָרן אַליין זיך אָפּגעקערט, און אויך אַנדערע געלערנט זיך אָפּצוקערן.

אויף וועמען, אויב נישט אויף אונז אַליין, זאָלן מיר וואַרפן די שולד פאַר דעם, וואָס יידישע געשיכטע איז אין אונזערע שולן, נאָך צוואַנציק יאָר פון זייער עקזיסטענץ, נישט מער ווי אַ יתום, ווי אַ לערער דריקט זיך אויס, און ווו יידישן אינהאַלט, יידישן לעבנסשטייגער איז מיט קיין לאָמטערן נישט צו געפינען? אויף וועמען וואַרפן די שולד, וועמען שטראָפן, אויב נישט די אַלע פון אונז, וואָס האָבן פון זייערע היימען יידישקייט און יידישן לעבנסשטייגער ווי מיט אַ בעזעם אויסגעראָמט און די באַגריפן גאָט און רעליגיאָזיטעט געמאַכט פאַר עפּעס, וואָס איז בבחינת לא יזכר ולא יפקד, אויף די ליפּן טאָר עס נישט דערמאָנט ווערן און צו די אויערן חס ושלום נישט דערטראָגן ווערן? און דאַרף נישט זיין נאָך גרעסער די שטראָף פאַר די יעניקע, וואָס פירן דווקא אַ גאָר געהויבענעם יידיש-טראַדיציאָנעלן לעבנסשטייגער

בײַ זיך אין דער היים און טראָגן יאָ טיף־רעליגיעזע געפילן און דערהויבענע גאָט־באַגריפן אין זייער אייגן הארץ, נאָר וואָס באַ־טראַכטן דאָס אַלץ פאַר אַ פריוואַטער אָנגעלעגנהייט, פאַר אַ היי־ליקייט און דערהויבנקייט, צו וועלכער לאו כל ראַדיקאַל זוכה, און וואָס מוז דעריבער געהיט און געשיצט ווערן פון אַן עין הרע און לשון הרע — פון בייזע צינגער און שלעכטע אויגן?

אין אַן אַרבעט*), אין וועלכער ער רופט צו אַ רעוויזיע פון אונזער שול־טעטיקייט, שרייבט דער לערער און שול־טוער שטיינ־בוים: ,,די, וואָס האָבן געדאַרפט איינשטעלן פעסטקייטן פאַר אַן אייגנאַרטיק יידיש לעבן, זענען אַליין נישט געווען פעסט. די, וואָס האָבן געדאַרפט איינשטעלן שפּראַך און געשיכטע, האָבן אַליין ערשט געדאַרפט גיין לערנען.

און אויף אַזעלכע שולן האָט מען אַרויפגעלייגט די גרעסטע און שווערסטע אויפגאַבן. בעת די שפּראַך איז אַרויס פון דער היים, האָט מען געוואָלט, אַז זי זאָל אין די שולן צוריק אויפלעבן. אַנשטאָט די שולן זאָלן ציען זייער יניקה פון דער סביבה, האָבן זיי גאָר געמוזט שפּילן אַ פאַרקערטע ראָליע — שפּייזן די סביבה, זי ראַטעווען — און וואָס פאַר אַ יידישקייט האָבן די שולן גע־קאָנט געבן אַ סביבה, וואָס האָט זיך אויסגעליידיקט פון איר? דאָס סאַמע בעסטע איז געווען זינגען ,,אויפן פריפעטשאָק'' אָדער ,,האָב איך אַ פּאָר אָקסן'' אָדער אַן אַנדער לידל.''

וועגן דעם למוד פון געשיכטע אין אונזערע שולן שרייבט שטיינבוים: ,,און די געשיכטע, וואָס ווערט געלערנט — זי שטייט ווי אַ יתום אין דער שול, וואָס אַלע פאַלן אָן אויף אים. פאַר די לערער איז זי צו לאַנג, שניידט מען פון איר שטיקער, פאַר די קינדער איז זי נישט אינטערעסאַנט, ווייל זי איז נישט קיין חלק פון דעם לעבן אויסער דער שול, בריקען זיי זיך מיט איר און פאַרגעסן זי שנעל. פאַר ראַציאָנאַלע און ראַדיקאַלע לערער איז זי צו יידיש, צו פרום — נעמט מען פון איר אַרויס די געדערעם און שיר נישט דעם מאַרך: גאָט ווערט נאַטור, די יידישע מלכים ווערן באַנדיטן, — די היסטאָרישע ימים־טובים צינדן מער נישט אָן קיין באַגייסטערונג און עס ווערן דורך דער געשיכטע נישט

*) אין ,,צוקונפט''.

געשאַפֿן פֿאַר די קינדער קיין העלדן (כאָטש העלדן זענען געווען אַזוי פֿיל), וואָס זאָלן אין זיי אַריינבלאָזן יידיש פֿייער... איז דורך וועלכן כּשוף־אַקט ווילן מיר דורך אַזאַ פּוסטער געשיכטע שאַפֿן המשך, טראַדיציע און אַנדערע וועגן פֿון אויסלעבן זיך"?

שטיינבוים קומט צום זעלביקן שלום, צו וועלכן איך בין שוין לאַנג צוריק געקומען דורך מיין קאָנטאַקט מיט שולן. ווי גרויס דער אויפֿטו פֿון אונזער שול־באַוועגונג איז אין כּמות, אַזוי קליין און נישטיק איז ער אין איכות. „די יידישע שול־באַוועגונג — שרייבט ער — האָט דאָ אין לאַנד אויפֿגעטאָן באמת קאָלאָסאַלע זאַכן: פֿון גאָרנישט איז געוואָרן אַ גרויסער יש: הונדערטער אָנפֿאַנגס־שולן, צענדליקע מיטל־שולן, העכערע קורסן, סעמינאַר, קלובן, שריפֿטן און אויסגאַבן, עלטערן־אָרגאַניזאַציעס, אַ מחנה פּראָפֿעסיאָנעלע יידישע לערער, אָבער — קיין יידישן אינהאַלט האָט די באַוועגונג דער שול נישט געגעבן".

ווי אַזוי אַלזאָ — און דאָס איז אין דעם מאָמענט די ברענענדיקסטע פֿראַגע — וועלן מיט אַזעלכע שולן און מיט אַזעלכע היימען די צייטן פֿון באַרג סיני אַריין אין בלוט און פֿלייש, האַרץ און מוח פֿון אונז אַליין און פֿון אונזערע קינדער? ווי אַזוי זאָלן מיר און די קינדער און קינדס־קינדער אונזערע זיך פֿונדאָסניי דערשלאָגן צו די גרויסע גייסטיקע אוצרות און טיפֿע קולטור־ווערטן פֿון גאָר אַמאָל, וואָס קאָנען אויך היינט ווערן שטאַרק מונטערנדיקע כּחות אין דעם איבערבוי פֿון וועלט און מענטשהייט אויף נייע סאָציאַלע יסודות?

אין זיין איבערבליק וועגן משה קולבאַקס נייער פּאָעמע, שרייבט ניגער*): „משה קולבאַק איז געקומען צו אונז באַלאָדן מיט גייסטיקער ירושה, אָנגעזעטיקט מיט טראַדיציע, און זי האָט אים נישט פֿאַרלאָזן, זי האָט אים געהאָלפֿן, פֿון אינעווייניק געהאָלפֿן, אויך ווען ער האָט קעגן איר רעוואָלטירט... זי איז אים, ווי אונז אַלעמען, אַ מוטער, וועלכע הערט נישט אויף צו ליבן איר קינד... דאָס קינד גייט אַוועק, דאָס קינד דערוווייטערט זיך, ווערט פֿאַרפֿרעמדט, פֿאַרפֿירט, די מוטער, איר האַרץ און איר אויג באַגלייט אים. אַזוי באַגלייט די ליטעראַרישע ירושה קולבאַקן אויף

---

*) אין „טאָג".

אַלע זיינע וועגן, אויך אויף די וועגן פון אויפשטאַנד. זיין משיח בן־אפרים, זיינע למד־וואָוניקעס פאַרלייקענען דאָס אמאָליקע, דאָך טראָגן זיי אויף זיך היסטאָרישע לעגענדאַרישע קליידער און וואָרצלען אין דער פאַרגאַנגענהייט".

זי, די גייסטיקע ירושה, אָנגעזעטיקט מיט טראַדיציע, איז אים, ווי אונז אַלעמען, אַ מוטער, וועלכע הערט נישט אויף צו ליבן איר קינד. איר האַרץ, איר אויג באַגלייט אים שטענדיק... יאָ, אָודאי, ווער וועט עס דען לייקענען? ווער קאָן עס לייקענען? ווער־זשע אָבער וועט ליבן, ווער וועט באַגלייטן די קינדער פון אונז ראַדיקאַלן, ביי וועמען די מוטער ווערט באַלד, ווי זיי ווערן נאָר געבוירן, אויף שטענדיק אָוועקגענומען? לייענענדיק לייוויקס „גאולה־קאָמעדיע", איז מיר באַפאַלן אַ שרעקלעכער געדאַנק, אַז זיי, די קינדער אונזערע, קאָנען חלילה נאָך ווערן ווי זיין „נביא פון היינט" — ארמילוס, וועלכער איז גאָר פון אַ שטיין געבוירן געוואָרן.

ארמילוסעס מוזן ווערן די, וואָס האָבן נישט קיין וואָרצלען אין דער פאַרגאַנגענהייט. זיי מוזן אויף שטענדיק בלייבן נביאים בלויז פון דעם היינט. מחמת נישט אריינלעבנדיק זיך און נישט איבערלעבנדיק די פאַרגאַנגענהייט, קאָן מען נישט טרוימען און מען קאָן נישט געשטאַלטן די צוקונפט.

וואָס באַדייטן און וואָס קאָנען באַדייטן די צייטן פון באַרג סיני און דער באַחרית הימים פון די נביאים פאַר די פון שטיין־געבוירענע און פון קיין ליבשאַפט און טריישאַפט באַגלייטע ארמילוסעס?

אָט דאָ נישט לאַנג צוריק האָט דער גרויסער יידישער סקולפּ־טאָר ענריקאָ גליצנשטיין אויסגעהאַקט אַ מעכטיקן רוף פאַר אַ צו־ריקקער צו די צייטן פון באַרג סיני אין דער, פון האַלץ געפורעמ־טער און געשאַפענער, מאַיעסטעטישער געשטאַלט פון משה רבינו.

אויגן האָט ער אים געגעבן, וואָס דורך זייערע נישט אינגאַנצן פאַנאַנדערגענומענע דעקלעך זעען זיי אויס דורכצודרינגען אומ־ענדלעכע — איבער צייט און רוים — וועיטקייטן. אריינגעזעצט זענען די דאָזיקע אויגן אין אַ פּנים, וואָס יעדער שטריך אַנט־פּלעקט ווילן, אַנטשלאָסנקייט און זיכערקייט, האָט אין האַנט מיט אַ מאָדנער רו, איינפאַכקייט און שטילקייט, און ווען מיר זעען

אים דריקנדיק צו זיין רעכטער זייט די לוחות און צו דער לינקער זייט דעם שטעקן, וואָס ביידע זענען זיי אויף אַן אוממיטלבאַרן אופן געקומען צו אים פון גאָט, ווערן אונז קלאָר אַלע זיינע שטאַרק־מעכטיקע און טיף־ווייכע שטריכן און אויסדרוקן. מיר דערפילן, ווי אומדערשעפלעך און אומבאַגרענעצט עס איז די קראַפט פון פילן אַלע מאָל דעם „ה׳ לי ולא אירא״, גאָט איז מיט מיר, האָב איך קיין מורא נישט — און פון זען אַלץ „סוב ספעציע עטערני־טאַטיס״ — אין ליכט פון אייביקייט.

פון דעם דאָזיקן, פון האָלץ געשניצטן משה רבנו, קומט דער רוף צום יידישן פאָלק: בלייב שטיין, ריר זיך אָן מיט דיינע שפּיץ־פינגער אין די לוחות און אין דעם שטעקן, ווער דורכגענומען מיט דעם הייליקן ציטער פון דער דאָזיקער אומפאַרגלייכבאַרער אַנט־פּלעקונג און דערפיל די מאַכט פון דעם אומצעשטערבאַרן, אַלץ איבערוועלטיקנדיקן גייסט, און דו וועסט פון קיינע שונאים אין דער וועלט נישט באַזיגט און נישט צעשטערט ווערן. און צו אַלע פעלקער פון דער וועלט איז דער רוף: פאַרטראַכט זיך! אפשר ליגט גאָר דער גרויסער סוד פון דעם ביז־איצטיקן קיום פון יידישן פאָלק אין שטעקן און לוחות, וועלכע זאָגן עדות אויף דעם סוף־בל־סופיקן זיג פון גייסט איבער מאַטעריע!

איז אָבער אונזער אַטעאיסטיש־מאַטעריאַליסטיש דערצויגע־נער דור — דער דור פון

הפקר, הפקר
און הפקרות —
פליקט די בערד
פון אַלע דורות

(לייוויקס „גאולה־קאָמעדיע״)

מסוגל און בכח דעם דאָזיקן רוף צו באַנעמען און אים אין לעבן פאַרווירקלעכן? די נביאים זענען דעם דאָזיקן דור אונ־זערן אָדער אינגאַנצן נישט געגעבן געוואָרן, אָדער אויב יאָ — זענען זיי פאַר אים שוין לאַנג אויסגעשיילט פון דעם כה אמר ה׳ — פון דעם גאָט, וואָס האָט אין זיי און דורך זיי גערעדט. פרעמד איז געוואָרן צו אונזער דור די תורה, און אינאיינעם מיט איר — דער זין און דער באַטייט פונם באַרג סיני.

איז וואָס פאַר אַן אָפּרוף קאָן מען דערוואַרטן, און אויף וואָס פאַר אַ קומען צו זיך און צום פאָלק קאָנען מיר האָפן פון קינדער, וואָס ווערן דערצויגן אין שולן יידישע — אָבער אָן אַ יידישן אינהאַלט?

אַן אָפּרוף אָבער דאַרף, מוז און וועט קומען! מיר זענען ביז איצט נישט אונטערגעגאַנגען, און מיר ווילן אויך ווייטער נישט אונטערגיין! אויב נישט דורך די דאָזיקע, איז דורך אַנדערע שולן, אויב נישט אויף די ביז־איצטיקע וועגן, איז אויף אַנדערע וועגן דאַרפן, מוזן און ווילן די קינדער קומען צו זיך, צום פאָלק, צו דער מענטשהייט און צו דער אייביקייט. לאָמיר נאָר דערפילן אונ־זער אויפגאַבע פון רופן צו איבערבייט און איבעראַנדערשונג אין קלאָרע ווערטער, און לאָמיר אַלע אינאיינעם און יעדערער באַזונ־דער מאַכן פּרוון צו ענטפערן אויף דער פראַגע פון אַלע פראַגעס: ווי אַזוי און דורך וועמען זאָלן די אַלע רופן — אין וואָרט און אין פאַרב, אין האַלץ און אין שטיין — רעאַליזירט ווערן אין טואונג און האַנדלונג?

.3

שוין מיט יאָרן צוריק האָט ב. ריווקין געשריבן ווערטער, וואָס האָבן געקלונגען ווי אַ רוף צוריק צו די צייטן פון פעסטע, טיף אין רעליגיאָזיטעט און עטיק פאַרוואָרצלטע יסודות. „אַ באַרג סיני — האָט ער געפאָדערט — זאָל אויפגעשטעלט ווערן אין צענטער פון דער וועלט און אַ מתן תורה־ספּעקטאַקל זאָל געשפּילט ווערן, און סיי די מיטשפּילער, סיי די צושויער זאָלן איבערגע־שפּילט ווערן אין זייער גרונדוועזן ביז נישט צום דערקענען"*).

די אַלע יאָרן אָבער, וואָס ער האָט וועגן דעם ענין אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן געשריבן, האָט ער נישט קלאָר געמאַכט: ווער עס זאָלן זיין די, וואָס ווילן אויפשטעלן דעם נייעם באַרג סיני? ווי דאַרף געפילט און פאַרשטאַנען ווערן די שייכות צווישן דער נייער תורה און דער אַלטער יידישער תורה? אין נאָמען פון וועמען און פון וואָס און צוליב וועמען דאַרפן די מיטשפּילער און

*) „אידישע וועלט", פילאַדעלפיע.

צושויער איבערגעשפילט ווערן ביז זייער טיפסטן וועזן? און ער האָט לחלוטין נישט אָנגערירט די פראַגע: ווי אַזוי, אויף וועלכע וועגן און מיט וועמען זאָלן מיר אָנפירן די צוגרייטונגס־אַרבעט פאַר דעם דאָזיקן ספּעקטאַקל? מער ווי בײַ אַלע אַנדערע, וואָס רופן צוריק צו די אַלטע צײַטן, איז בײַ ריווקינען — וועלכער רייסט זיך אַליין און וויל אַנדערע מיטרייסן צו רעליגיאָזיטעט, צו דער משיח־געשטאַלט און צו אַ פּילן און באַנעמען גאָט און געטלעכ־קייט — געבליבן אומפאַרענטפערט די פראַגע: ווי אַזוי זאָלן אונ־זערע ווערטער און גוטע כוונות פאַרוואַנדלט ווערן אין רעאַלע און ממשותדיקע טואונגען און האַנדלונגען?

פון די ברידער שטיינבערגס ווערטער איז איין זאַך קלאָר: ווען מיר, יידן, רעדן איצט וועגן אַ נייעם מתן־תורה־ספּעקטאַקל, דאַרפן מיר אָנהויבן קודם־כל פון אונז אַליין. ריווקינס פולשטענ־דיקע איבערפורעמונג פון דער מענטש־געשטאַלט זאָל זיך פריער פון אַלץ באַציִען אויף דער ייד־מענטש־געשטאַלט, וואָס זאָל און וועט — ווי שטיינבערג דריקט זיך אויס — צ י נ ד ן די וועלט.

אין מיטן אונטערגאַנג פון דער אַנטיקער וועלט האָט דאָס יידישע פאָלק געבויט אויף זיינע אַלטע רעליגיעז־מאָראַלישע יסודות. אויך איצט דראָט אַ קאַטאַסטראָפע דער גאַנצער וועלט.

ווי־זשע זאָלן מיר איצט רעאַגירן אויף דער דראָאונג פון אַ קאַטאַסטראָפע? דער ענטפער איז אַ קלאָרער: מיר דאַרפן טאָן, וואָס אונזערע אָבות האָבן אַמאָל געטאָן. א ו נ ז ע ר ע אָ ב ו ת האָבן אין די קאַטאַסטראָפאַלסטע צייטן פונדאַסניי געבויט אויף די אויסגעפּרוּווטע, אומצעשטערבאַרע אַלטע רעליגיעז־קולטורישע יסודות, זאָלן מ י ר דאָס זעלביקע טאָן אויך איצט!

ווער־זשע אָבער זאָל אונטערן „מיר" פאַרשטאַנען ווערן? מיט וועמען זאָלן מיר, ר אַ ד י ק אַ ל ן, אָנהויבן די אַרבעט פון בויען און איבערבויען? ס'איז טאַקע אמת, ווי שטיינבערג זאָגט, אַז פאָלק הייסט נישט דווקא אַרבעטער, „וואָס זענען פאַרהאַרטעוועט אין פאָרמען פון אָפיציעלן רעבעלנטום". עס איז אָבער אויך אמת, אַז צו די „מיליאָנען אומבאַקאַנטע טרעגער פון יידישן שיקזאַל און יידישער צוקונפט, וואָס האָבן ביז איצט אויסגעהאַלטן די שטורעמס פון דער געשיכטע" און וואָס געהערן נישט צום פּראָ־לעטאַריאַט — צו זיי האָבן מיר נישט קיין דירעקטן צוטריט.

פרעמד זענען מיר צו זיי און זיי צו אונז, נישט געקוקט אויף דער געוויסער תמציתדיקייט, וועלכע שלאָגט טיפע וואָרצלען אין דער אוראַלטסטער פאַרגאַנגענהייט און בינדט אונז אַלעמען צונויף מיט אומאיבערגעריסענע פעדעם, ווי זין און טעכטער פון איין פאָלק. מיר, ראַדיקאַלן, זענען אַזוי ווייט פון אונזערע נישט־ראַדיקאַלן, ווי מזרח איז פון מערב. אַ סך פון זייערע טראַכטונ־גען זענען נישט אונזערע טראַכטונגען, און אַזוי אויך פאַרקערט.

אַרבעטן און בויען, טאָן און אויפטאָן עפּעס וויכטיקס און ממשותדיקס יעדן טאָג אין וואָך, קאָן מען אָבער נאָר צווישן די, וואָס צו זיי איז מען נאָענט אידייאיש און קולטוריש. און אַזעלכע זענען פאַר אונז נאָר די, וואָס מיט זיי שטויסן מיר זיך צונויף אין אונזערע סאָציאַלע טואונגען, שאַפונגען און אידעאַלן. און פּונקט ווי דאָס איבערלעבן דעם ווייטן און ווייטסטן אַמאָל האַלט אונז אינאיינעם אין בלוט און אין גייסט, ווי קינדער פון איין פאָלק,— אַזוי צעמענטירט אונז קולטוריש און אידעאָלאָגיש אין מיטגלי־דער פון אַזאַ אָדער אַן אַנדער באַשטימטער גרופּירונג פון איינעם און דעם זעלביקן פאָלק דאָס לעבן פון היינט און דאָס אַריינלעבן זיך אינעם מאָרגן. דאָס פילן דעם הוה און דאָס זען דעם עתיד אין אַ געוויס ליכט שפּילט אין דער צעמענטירונג פון קלאַס אָדער גרופּע די שטאַרקסטע ראָל. אַרויפגעצויגענע ווי קרעלן אויף אַ באַ־שטימטן פאָדעם פון גייסט, קולטור און אידעע, ווערן מיר אַ פעסט און אינטים געשלאָסענער טייל פון פאָלק. און אַלס אַזעלכער, מוזן מיר גיין צום ציל פון דערהאַלטונג און אַנטוויקלונג פון פאָלק אויף אייגענע וועגן, פירנדיק ביז אַ געוויסן גראַד אַפילו אַן אייגענעם שטייגער לעבן, אַנווענדנדיק אייגענע, אויסגעאַרבעטע, אויסגע־פּרוווטע און נישט אויסגעפּרוווטע מיטלען.

יעדעס פאָלק אין דער וועלט איז היינט צו טאָג איינגעטיילט אין צוויי טיילן, אין צוויי שאַרף זיך־דיפערענצירנדיקע גרופּן. קלאָר און פעסט איז דער אונטערשייד פון די געפילן און אָנ־שוואונגען פון די דאָזיקע גרופּן אויף די שייכותן צווישן מענטש און מענטש אין דער געזעלשאַפט, און, ממילא, שוין אויך אויף די שייכותן פון מענטש צו דער וועלט אַרום אים און צו גאָט אין און איבער אים. די אָרגאַנישע געבונדנקייט צווישן די טיילן פון פאָלק צוליב זייער נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקייט קאָן נישט און זאָל

נישט אָפּמעקן און אָפּווישן די דעמאַרקאַציע־ליניע פון זייער סאָ־ציאַלער און קאָסמישער אַנדערשקייט.

צו איין גרופּע געהערן די, וועלכע האַלטן פאַר אומפאַרגלייך איבערצואַנדערשן דעם סאָציאַלן סדר, וואָס זאָגט צו די מענטשן: דער רייכער און אָרעמער, דער באַזיצער פון אייגנטום, דער וואָס אַרבעט אַליין, און דער, פאַר וועמען עס אַרבעטן אַנדערע — זיי זאָלן און וועלן שטענדיק זיין צווישן זיך.

די צווייטע גרופּע שליסט איין אַלע די, וועלכע קאָנען פאַר קיין פאַל נישט פאַרטראָגן דעם היינטיקן סאָציאַלן סדר. זיי אַלע פאַראייניקט דער ווילן אָפּצושאַפן אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן די געשפּאַלטנקייט פון דער געזעלשאַפט אין אָרעמע און רייכע, אַרבעטער און געניסער פון יענעמס אַרבעט. אַזאַ איינשטעלונג אויפן סאָציאַל־עקאָנאָמישן געביט האָט אויף אַ גאַנץ נאַטירלעכן אופן גורם געווען אַ גרינדלעכע אַנדערשקייט אין דער באַציאונג צו אַלץ, וואָס ווערט אַריינגענומען אין די באַגריפן: וועלט, מענטש, גאָט.

מיט איר, מיט אָט דער צווייטער גרופּע, מיט דעם ראַדיקאַלן טייל פון אונזער פאָלק, קאָנען און מוזן מיר אויף אַן אוממיטל־באַרן אופן אָנהויבן אונזער אַרבעט פון איבערבויען און איבערשאַפן אויף אונזערע אַלטע רעליגיעז־מאָראַלישע יסודות.

די קולטור, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט געשאַפן, באַדייט פאַר אונז, ראַדיקאַלן, נישט דאָס זעלבע, וואָס פאַרן נישט־ראַדיקאַלן טייל פון יידישן פאָלק. פאַר אונז, למשל, זענען פון דער גרעסטער וויכטיקייט די נביאים מיט זייער פאָדערונג פון גערעכטי־קייט, און נישט די כהנים מיט זייער הנאה האָבן פון בראַנד־אָפּפער, שפּייז־אָפּפער און פריד־אָפּפער. נישט דאָס זעלבע ווי פאַר זיי, באַ־דייטן פאַר אונז די ווערטער פון נביא עמוס:

איך ווייס אייערע פאַרברעכן זענען פיל,
און שטאַרק אייערע זינד,
איר, וואָס דריקט דעם גערעכטן און נעמט שוחד
און קריוודעט די אביונים אין טויער.

— — — — — — — — —

האָט פּיינט שלעכטס און האָט ליב גוטס,
און שטעלט אויף אין טויער גערעכטיקייט.
אפשר וועט יהוה, דער גאָט פון צבאות,
לייטזעליקן דעם איבערבלייב פון יוסף.

און ווי מיט די נביאים, אזוי מיט דער תּורה און מיט די כּתובים, אזוי מיט דעם תּלמוד און מיט דעם זוהר און אזוי מיט דער יידישער פילאָזאָפיע און פּאָעזיע פון מיטלאַלטער — קורץ, מיט אַלע יידישע רעליגיעז־פילאָזאָפישע און פּאָעטישע שאַפונגען פון דער צייט, ווען עס איז געוואָרן א יידיש פאָלק, ביז אויף היינטיקן טאָג. פאַר דעם ראַדיקאַלן טייל פון יידישן פאָלק קאָנען זיי נישט באַדייטן דאָס זעלביקע, וואָס פאַר דעם נישט־ראַדיקאַלן. אַלץ, וואָס איז צום קאָנסערווירן, מוז אין דער זעלביקער צייט ווערן דינאַמיש קרעפטיק און פול מיט לעבן. אַלץ מוז פון צייט צו צייט געשטעלט ווערן אין א ניי ליכט, אפילו דער ראַדיקאַליזם גופא, ווען ער ווערט קאָנסערוואַטיוו.

א סך פון אונזערע, אויב מען קאָן זיי אזוי אָנרופן, ראַדיקאַלע געפילן און באַגריפן מוזן מיר איצט מיט די וואָרצלען אויסרייסן און איינפלאַנצן אין אונז גאַנץ נייע. מיר, ראַדיקאַלן, מוזן אין גאָר א סך הינזיכטן איבעראַנדערשן די שטעלונג צו די אַלע אַלטע און עלטסטע גלויבונגען פון אונזערע אבות און צו די אַלע מנהגים און שאַפונגען, וואָס אין זיי זענען די גלויבונגען און איבערציי־גונגען אויסגעדריקט און אַנטפּלעקט געוואָרן.

מיר מוזן איצט רייניקן דעם ראַדיקאַליזם פון זיין גאָרנישט געבנדיקער און גאָרנישט זאָגנדיקער ראַדיקאַלעכץ. מיר ווילן אָבער נישט און מיר דאַרפן בשום אופן אים נישט רייניקן און אויס־לײדיקן פון דעם אידעאַל פון א סאָציאַלן סדר, ביי וועלכן אַלע וועלן אויף א גלייכן אופן אַרבעטן און אויף א נישט ווייניקער גלייכן אופן געניסן פון די פּראָדוקטן פון זייער אַרבעט. און דאָס איז דער אידעאַל, וואָס דער גרעסטער טייל דוקא פון די, וואָס זע־נען נישט אַוועק פון אַלטע גלויבונגען, מנהגים און שאַפונגען, ווילן פון אים פונקט אזוי ווייניק וויסן, ווי די ראַדיקאַלן האָבן ביז איצט געוואָלט וויסן פון די אַלטע און אייביק נייע יסודות־דיקע גלויבונגען, אויפפירונגען און שאַפונגען.

דער סאָציאַלער אידעאַל אָבער פון עקאָנאָמישער גלייכהייט און גייסטיקער פרייהייט פאַר אַלע מיטגלידער פון אַ געזעלשאַפט, דאַרף עטיש פאַרטיפט און רעליגיעז דערהויבן ווערן. און אין אַזאַ פאַרטיפונג און דערהויבונג נויטיקן זיך אויך אַלע טרעגער פונם אידעאַל. די מעגלעכקייטן פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון דאָזיקן אידעאַל װעלן פון קיינע איבעריקערנישן און פון קיינערליי רעוואָלוציעס נישט געשאַפן ווערן, אויב די אַלע, וועלכע שטעלן זיך איין פאַר אים און קינדיקן אָן דעם אָנקום פון זיין רעאַליזירונג, וועלן נישט רעליגיעז־עטיש אים באַפעסטיקן און זיך אַליין נישט טיפער פאַרוואָרצלען אין דעם רעליגיעז־עטישן באָדן.

און דאָס אַלץ קאָן און וועט ווערן נאָר דעמאָלט, ווען מיר, ראַדיקאַלן, וועלן זיך נעמען, יעדערער פאַר זיך און אַלע אינאיינעם, וועבן די פעדעם, וואָס זאָלן אונז פונדאָסניי פאַרבינדן מיט דעם, וואָס האָט נישט נאָר דערהאַלטן אונזער פאָלק, נאָר וואָס האָט עס אויך קולטוריש דערהויבן און דערהויכט צווישן אַלע פעלקער פון דער וועלט. ווען די רעליגיאָזיטעט וועט אריבערגענומען ווערן אין אַ באַנייטער און געלייטערטער געשטאַלט און פאָרם און עס וועלן איר געגעבן ווערן מעגלעכקייטן פאַר אומאויפהערלעכער באַנייאונג און לייטערונג, וועט זי אריינגעבן נייע נשמות, נייעם לעבן אין די טרעגער פון דעם ראַדיקאַלן אידעאַל. דאָס וועט שאַפן דעם באָדן פאַר די גרעסטע מעגלעכקייטן צו פאַרווירקלעכן דעם דאָזיקן רעליגיעז־עטיש־באַפליגלטן אידעאַל. דאָס וועט באמת זיין אַ ניי בלאַט אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק און פון אַלע אַנדערע פעלקער אין דער וועלט.

פונדאָסניי אָבער לערנען מיט זיך אַליין און מיט די קינדער די תורה, וועלכע איז אויפן באַרג סיני אונטער הילכיק־קנאַלנדיקע דונערן און שאַרף־שניידנדיקע בליצן צו אונזער פאָלק געגעבן געוואָרן; פונדאָסניי איינזאַפּן און דורכגענומען ווערן מיט די שטראָפרייד פון די נביאים; טיפער טראַכטן און אינטענסיווער אַרבעטן אויף דעם, אַז משהס תורה און די רייד פון די נביאים זאָלן ווערן אין אונזערע און אונזערע קינדערס מוחות, הערצער און הענט אַ מעכטיקע קראַפט פאַר אַ ניי לעבן, פאַר אַ נייעם איינשטעל פון שייכותן צווישן די, וואָס טראָגן אויף זיך דעם צלם אלוקים און אין וועמענס געשטאַלט זיי זענען באַשאַפן גע־

ווארן, — דאָס אַלץ קאָנען מיר, ראַדיקאַלן, טאָן און דאַרפן עס טאָן נאָר מיט און צווישן ראַדיקאַלן. דאָס אַלץ זאָל געטאָן ווערן אין די ראַדיקאַלע היימען, אין די ראַדיקאַלע קינ־דער־שולן און אין אַלערליי ספּעציעל פאַר דעם צוועק איינגעבּאַרו־פענע און איינגעשטעלטע ראַדיקאַלע איינזאַמלונגען.

און נאַטירלעך, כל דכפין ייתי ויכל — ווער נאָר עס שרעקט זיך נישט פאַר אַ געלייטערטן און פון ראַדיקאַלעכץ גערייניקטן ראַדיקאַליזם, איז געלאַדן צושטיין צו אונז. מיר אינאיינעם מיט זיי און זיי אינאיינעם מיט אונז זאָלן הערן די אַלטע און עלטסטע, די נייע און נייעסטע ווערטער פון גאָט. און מיט דעם געפיל פון זיין פאַראַנענקייט איבער און אין אונז, זאָלן מיר אַרבעטן פאַר דעם, אַז נישט זיין זאָל מער קיין אביון אין דער געזעלשאַפט, וועמען „עמעצער זאָל ווערן איינשלינגען אָדער קויפן פאַר אַ פּאָר שיך, און נישט זיין זאָלן מער קיין אָרעמע, וואָס מען זאָל וועלן פאַרטיליקן אָדער קויפן פאַר געלט". עס מוז אַנטשטיין אַ נייע רעליגיעז־עטישע גרופּירונג פון די קינדער פון איינעם און דעם זעלביקן פאָלק. די, וואָס קאָנען נישט פאַרטראָגן דעם איצטיקן סדר פון דער געזעלשאַפט און וואָס ווילן פאָרן די נייעסטע באַגריפן וועגן שייכותן צווישן מענטש און מענטש מיט די געלייטערטע באַגריפן וועגן דעם שייכות פון גאָט צו וועלט און מענטש, מוזן זיך קאָנסטיטואירן אין ראַדיקאַל־רעליגיעז־עטישע בונדן אָדער געמיינדעס אויף דורכפירן אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות סיי צו גאָט, סיי צו מענטש און מענטשהייט און וואָס פאָדערט פאַר דעם צבורית אַנשטאָט יחידות.

די, וואָס גלויבן אין דער נויטיקייט שטענדיק צו לייטערן, פאַרשענערן און פאַרטיפן דעם גאָט־באַגריף אין ליכט און אין איינבליק מיט אַלע נייעסטע פאָרשונגען און דערקענטעניש פון מענטשנס גייסט, קאָנען זיך נישט פילן ווי מיטגלידער פון איין רעליגיעזער געמיינדע מיט די, וואָס ווילן נישט און קאָנען שוין נישט מער אַריינגעבן נייע אינהאַלטן אין דעם דאָזיקן באַגריף, און — צום ווינציקסטן מיט די, וואָס געפינען נישט פאַר נויטיק אַנצופילן דעם גאָט־באַגריף מיט דער עטישקייט פון דעם נייעסטן און העכסטן אידעאַל פון סאָציאַל־עקאָנאָמישער און סאָציאַל־גייסטיקער גלייכוועדטיקייט פון מענטש.

און ווי מיט דעם גאָט־באַגריף, אַזוי אויך מיט די טראַדי־ציעס — מיט די אויף אייביק אין זכרון זיך איינקריצנדיקע אויס־דרוקן פון די לעבנסשטייגערס פון פאָלק, וועלכע זענען אויפגע־קומען אין פאַרשידענע צייטן און האָבן איין מאָל אויף אַלע מאָל אַ הויב געטאָן זיין נשמה און גייסט. אויך זיי דאַרפן אומאויפ־הערלעך געלייטערט און פאַרשענערט ווערן און אויך אין זיי דאַרפן אַריינגעוועבט ווערן די נייעסטע און העכסטע סאָציאַל־עטישע גע־פילן און אויך זיי קאָנען ווערן אַ מעכטיקע קראַפט אין דער אַנטוויקלונג און אין דער פאַרווירקלעכונג פון די שטרעבונגען צו אַ נייעם, מער גערעכטן סאָציאַלן סדר. נאָר דאָס אין דעם אַלטן און אוראַלטן, וואָס קאָן אויסשטיין און אויסהאַלטן דעם שאַרפן אַריינדרינג פון דער פאַרנונפט, און וואָס קאָן נאָך דער־צו אָנצינדן די געפילן און זאַפטיקן די עמאָציעס, — נאָר דאָס לאָזט זיך באַנייען און פונדאַסניי אָנגעפילט ווערן מיט כּוונה און ווערן אַזוי אַרום אַ הויבשטאַנג פאַר דעם אויפבוי פון אַ נייעם און העכערן לעבנסשטייגער און לעבנס־אינהאַלט.

ווען מיר רעדן, אַלזאָ, איצט וועגן אַלטע רעליגיעז־מאָראַלישע אָדער רעליגיעז־קולטורישע יסודות, דאַרף אונטער דעם געמיינט און פאַרשטאַנען ווערן אַלץ דאָס אין דעם אַלטן און אוראַלטסטן, וואָס האָט אַן אייביקן ווערט און וואָס קאָן דעריבער אויך איצט ווערן אַ קוואַל פון גייסטיקער דערפרישונג. דאָס נייעסטע דאַרף אָרגאַניש אַזוי אָנגעקניפּט ווערן אָן דעם אַלטן, אַז דאָס נייע זאָל דורך דעם אַלטן פאַרטיפט ווערן און דאָס אַלטע זאָל דורך דעם נייעם דערפרישט ווערן. און אַזוי אַרום, ווערט אין אונז שטאַר־קער און מעכטיקער די קראַפט, וואָס קלאַפּט אין די טויערן פון דער צוקונפט, וועלכע זאָל געבן מער אינהאַלט און אָנהאַלט דער קעגנוואַרט.

און דער דאָזיקער קער, וואָס מיר מוזן מאַכן אויף צוריק, כּדי מיט מער אימפּעט און שטורעם זיך אַ לאָז טאָן פאָראויס, מוז זיין אַ שווערער און אַ לאַנגער, ווייל בערג מיט שטיינער דאַרפן פאַנאַנדערגעוואָרפן און אָפּגעראַמט ווערן סיי אין דעם קאָנסער־וואַטיזם, סיי אין דעם ראַדיקאַליזם, כּדי זיך דערשלאָגן, ווי פּרץ האָט עס אָנגערופן, צום בריליאַנט.

אויף דער פראַגע: וואָס איז דער בריליאַנט, וואָס מוז פון

דור צו דור קאָנסערווירט און געשליפן ווערן? — האָט פּרץ גע־ענטפערט אין זיין ווערק „די גאָלדענע קייט". דער בריליאַנט איז דער טיפער געפיל, וואָס פאַרכאַפּט דעם גאַנצן וועזן פון מענטש און טרייבט אים צום אויסגעשריי:

עס קאָן נישט זיין קיין הפקר וועלט —
איז דאָ אַ וועלט, מוז זיין ווער,
וואָס פירט די וועלט.
מוז זיין אַן אויג, וואָס קוקט אויף אונז!
אין אונז, אין אונז שלאָגט אַ האַרץ,
די וועלט מוז האָבן אויך אַ האַרץ!
אַ באַרמהאַרציק האַרץ.

אָט דאָס דאָזיקע געפיל, דאָס טיפסטע קערנדל פון רעליגיע, די רעליגיאָזיטעט, וואָלט איך געזאָגט, פון רעליגיע, איז פון אייביקן און העכסטן ווערט. עס איז דער אויסגאַנגס־פּונקט און ענדציל.

.4

אַ היפּשער באַרג מיט שטיינער — שטיינער פון ראַדיקאַלעבץ — איז אויסגעוואַקסן פאַר די לעצטע יאָרן אויף דעם בריליאַנט ראַדיקאַליזם. דער דאָזיקער באַרג האָט אוממעגלעך געמאַכט פאַר די ראַדיקאַלן צו טראַכטן וועגן דעם מיט שטיינער באַדעקטן בריליאַנט, וואָס איז אין באַזיץ פון דעם קאָנסערוואַטיוון טייל פונם יידישן פאָלק.

אַן אָנהויב פאַר דער פאַנאַנדערוואַרפונג און אָפּראַמונג פון די שטיינער אינם ראַדיקאַלן לאַגער האָט געמאַכט חיים זשיטלאָווסקי. נאָך אין 1911 איז ער אַרויסגעקומען מיט אַ רוף פאַר דער נאַציאָנאַל־פּאָעטישער ווידערגעבורט פון דער יידישער רעליגיע. געשריבן האָט ער דעמאָלט: „יעדע רעליגיע האָט געשאַפן מאָ־מענטן, וואָס רופן אַרויס אין דער נשמה פון גלויביקן די געפילן פון הייליקייט. זי האָט הייליקע פּערזאָנען... הייליקע ערטער... הייליקע קוואַלן און ביימער... הייליקע צייטן... און אויך הייליקע האַנדלונגען... אָט די אַלע הייליקטימער ווירקן ווי אַ מאַגנעטישע

קראַפט אויף דער נשמה פון דעם אמת־רעליגיעזן מענטשן און זעצן זי אַריין אין אַ געפילס־אַטמאָספּערע, וואָס איז אוממעגלעך אויסצודריקן אין ווערטער.

„די אויסגעלייטערטע הייליקטימער דאַרפן ווערן דער פונ־דאַמענט פון אַ פריי רעליגיעזן לעבן פון יעדן יידן, וואָס וויל זיין סאָלידאַריש מיט דעם שיקזאַל און נויטן, ליידן און האָפענונגען פון זיין פאָלק".

און געבנדיק אַ היתר פאַר די ראַדיקאַלן הייליק צו האַלטן די טעג, וואָס דאָס פאָלק ישראל האָט מימים קדמונים אָן באַ־שטימט ווי הייליקע, און רעדנדיק מיט גרויס פּאַטאָס צווישן אַנ־דערע יום־טובים אויך וועגן דעם גרויסן ווערט און באַטייט פון יום־טוב שבועות, וועלכן דאָס פאָלק האָט אין אַ געוויסער תקופה פון זיין אַנטוויקלונג פאַרבונדן מיט מתן תורה, האָט זשיטלאָוו־סקי נישט פאַרפעלט אָנצושרייבן שיינע און אינהאַלטסרייכע שורות וועגן תורת משה גופא — שורות, וועלכע קלינגען נאָך אויך איצט פרעמד פאַר די אויערן און זאָגן וויניק צו די הערצער נישט נאָר פון סתם ראַדיקאַלן, נאָר אפילו פון גאָר אַ סך לערער פון די יידיש־נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן.

„און פאַרגלייכט מען" — שרייבט זשיטלאָווסקי — „די יידישע תורה מיט דעם אַלטן באַבילאָנישן אָריגינאַל, זעט מען אויפן שטעל איין, אַז די אַנטוויקלונג איז געגאַנגען אין דער ליניע פון גרעסערער סאָציאַלער גערעכטיקייט און הומאַניטעט. אין זיין תורה האָט דאָס יידישע פאָלק נישט נאָר דערגרייכט די העכסטע שטופע פון דעמאָלטיקער ציוויליזאַציע. עס האָט אַריבערגעוואַקסן די אַלטע ציוויליזאַציע „מיט די אַקסלען און העכער", און אויף יאָרן און יאָרן באַקומען אַ רעכט צו קוקן אויף איר פון אויבן אַראָפּ. אויף דער הויך פון „תורת משה" איז אין יענער צייט געשטאַנען נאָר דאָס יידישע פאָלק, און תורת משה איז געווען דער באַרג סיני, פון וועלכן די יידישע נביאים האָבן געקאָנט פאַנאַנדערשפּרייטן זייערע אָדלער־פליגלען און אַ הויב טאָן זיך צו די העכסטע הימלען פון דעם מענטשלעכן אידעאַל".

שוין באַלד, אַלזאָ, אַ קימאַ־לן פון אַ גאַנצן פערטל יאָרהונ־דערט זינט עס איז געקומען די פאָדערונג פון זשיטלאָווסקין צום ראַדיקאַלן לאַגער, אַז ער זאָל זיך באַפרייען פון דער ראַדיקאַלעכץ.

געפאָדערט האָט דעמאָלט זשיטלאָווסקי, אַז די שאַפער און טרעגער פונם ראַדיקאַלן געדאַנק זאָלן צוטראָגן זייער חלק צו דער מעג־לעכקייט און נויטווענדיקייט, אַז דער הייליקער גייסט פון תורת משה און פון די נביאים זאָל ווערן דער הערשנדיקער גייסט אינם יידישן לעבן, און אַז די מנהגים, וועלכע די נאַציאָנאַל־פּאָעטישע ווידערגעבורט וועט אַריבערנעמען פון דעם אַלטן געביי אָדער וועל־כע וועט אַליין אַרויסברענגען אין לעבן, זאָל זיין דורכגעדרונגען פון יענעם גייסט״.

פרעגן מיר זיך איצט: האָט דער דאָזיקער רוף, די דאָזיקע פאָדערונג פון זשיטלאָווסקין געשלאָגן וואָרצלען אין דעם באָדן פונם ראַדיקאַליזם? האָבן ראַדיקאַלן געשענקט די מינדסטע אויפ־מערקזאַמקייט דעם דאָזיקן רוף? האָבן זיי אין וועלכן עס איז פּרט געפאָלגט זיין דעקלאַראַציע: שמור וזכור — היט אָפּ און טראָג אין דיין זכרון די הייליקע טעג סיי פון פרייד, סיי פון טרויער, פאַרטיף זיך אין תורת משה און אין די רייד פון די נביאים, כּדי דיינע געפילן זאָלן אָנגעצונדן ווערן און דיין גאַנצער וועזן אָנ־געגליט ווערן מיט דעם הייליקן פייער, וואָס קאָן זיך פאַנאַנדער־פלאַקערן אין דעם הייליקן נאַציאָנאַל־פּאָעטישן ווידערגעבורט פון דער יידישער רעליגיע?

אויף די דאָזיקע אַלע פראַגן הילכט אָפּ אין אַלע ווינקעלעך פון דער יידיש־נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער וועלט אַ קורצער און שאַר־פער ענטפער: ניין.

פאַרוואָס איז דער דאָזיקער רוף געבליבן ביז איצט אַ קול קורא במדבר?

דער ערשטער טעם, גלויבט זיך מיר, איז דער, וואָס זשיט־לאָווסקי אַליין האָט זיך פאַרן דאָזיקן רוף אין פאַרלויף פון די לעצטע פאַר צענדליק יאָר וויניקער איינגעשטעלט איידער פאַר אַלע אַנדערע רופן, וואָס זענען זינט דעמאָלט אַרויסגעקומען פון זיין פען. פאַר די אַלע יאָרן, למשל, האָט ער זיך איבערגעגעבן מיט אָן אַ שיעור מער התלהבות דעם רוף זיינעם פאַר דער פאַרוועלט־לעכונג פונם יידישן נאַציאָנאַליזם און פאַר דער צעשטערונג פון דעם גלויבן, אַז ישראל ואוריתא חד הו — אַז יידן און יידישקייט איז איינע און דיזעלביקע זאַך. דער רוף פאַר דער נאַציאָנאַל־פּאָעטישער ווידערגעבורט פון דער יידישער רעליגיע איז געבליבן

איינגנטלעך נישט מער ווי א קאָנסטאַטירונג פון דעם פּאַקט, אַז אַזאַ זאַך איז מעגלעך און ווינשנסווערט.

זשיטלאָווסקי האָט זיך נישט איינגעשטעלט פאַר זיין רוף נישט מיט לייב און נישט מיט לעבן דערפאַר, וואָס דער גאַנצער ענין רעליגיע איז ביז איצט געווען ביי אים אַ קאָפּ־ און נישט קיין האַרץ־זאַך, און דער ענין רעליגיע — אַזאַ אָדער אַן אַנדערע — פאַר דעם יידישן פאָלק אין זיין ווייטערדיקער עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג, גייט אים אויך איצט נאָך לחלוטין נישט אָן. פאָרמען אָבער און אַפילו אינהאַלטן לאָזן זיך נישט איבערנעמען, רופן נישט אַרויס קיין תשוקה איבערגענומען צו ווערן נישט אויף אַ פּאָעטיש און נישט אויף וועלכן עס איז אַנדער אופן, אויב מען נעמט נישט איבער, אויב מען לאָזט נישט פונדאַסניי אין זיך צום לעבן קומען די קראַפט גופא, וועלכע דריקט זיך אויס און אַנט־פּלעקט זיך אין נאַציאָנאַלע פאָרמען און אינהאַלטן. די קראַפט גופא איז געווען און וועט בלייבן איינע און דאָס איז — רעליגיאָ־זיטעט. אָן דער אויפלעבונג פון רעליגיאָזיטעט קאָנען נישט קומען צו תחית המתים קיינע פון אירע פאָרמען און קריסטאַליזירונגען און קיין שום זאַך נישט, אין וואָס זי האָט אַריינגעבלאָזן דעם אָטעם פון הייליקייט. בלויז פּאָעטיש אויפנעמען רעליגיע מיינט ערשטנס אוועקצונעמען סוף כל סוף רעליגיאָזיטעט פון פּאָעזיע, ווייל רעליגיאָזיטעט ווערט דאַך אויף אַזאַ אופן אָנשטאָט אַ זעלבסטצוועק — אַ מיטל. און וועלכער אויסדרוק פון קולטור קאָן עס עקזיסטירן אַנדערש ווי אַ זעלבסטצוועק? צווייטנס, מיינט עס אויסליידיקן רעליגיע פון פּאָעטישקייט, וואָרום נישט שייך איז פּאָעזיע דאָרט, ווו עס איז נישט פאַראַן קיין עכט ווירקזאַם לעבן, קיין אינערלעכער זין און ווערט און קיין ציל פאַר זיך גופא. דעריבער, מוז ווערן אויפגענומען און אויפגעלעבט דער מהות פון רעליגיע גופא, איר רעליגיאָזיטעט מוז ווידערגעבוירן ווערן.

רעליגיע גופא מוז פונדאַסניי ווערן דער קוואַל, וואָס זאָל אָנטרינקען די וואָרצלען פון די לעבנס־ און דערקענטעניש־ביימער אין דער נשמה און גייסט פון מענטש. זי מוז פונדאַסניי ווערן אַ קראַפט, וואָס זאָל שטויסן די מענטשהייט פאַראויס אויפן וועג פון פאַרטיפן און דערהויבן דעם גייסט, אויפן וועג, ווו גייסט גע־

וועלטיקט איבער מאַטעריע, נשמה איבער גוף און קולטור איבער ציוויליזאַציע. כּדי רעליגיע זאָל דאָס ווערן, מוז זי זיך באַפרייען פון אירע — וואָס העפדינג רופט אָן — טויטע ווערטן, — פון אַלץ, וואָס האָט מיטן אָנקום פון נייע צייטן, נייע אומשטענדן און אַ נייער פאַרנינפטיקייט, פאַרלוירן דעם זין און האַלט זיך אויף בלויז דורך פּסיכישער אינערציע. נישט קאָנענדיק מער אַריינ־ברענגען די נשמה אין התפּעלות און התלהבות, און פירנדיק מיט דער כּונה אַלץ מער אַ געזעץ־בונד אָנשטאָט אַ ליבעס־בונד, ווערט דאָס אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ זין און ווערט אין געוויסע צייטן און אונטער געוויסע אומשטענדן, אַ שטער פאַר דער פאַרטיפונג און אַנטוויקלונג פון דעם, וואָס האָט אַ ווערט פון אייביק ביז אייביק.

פון אַזאַ אייביקן ווערט אין רעליגיע איז דאָס געפיל פון מענטשן, אַז פאַראַן איז אַ באַשאַפער און פירער פון אַלע באַ־שעפענישן, און אַז דער באַשאַפער איז געווען, איז און וועט זיין.

דאָס דאָזיקע געפיל קאָן קיינמאָל נישט פאַרלירן זיין זין און ווערט, ווייל אָן דעם דאָזיקן געפיל און אָן דעם גלויבן, וואָס שלאָגט פון אים אַרויס, ווערט אַלץ זינלאָז און ווערטלאָז. עס רייסט זיך איבער דער פאָדעם צווישן אויסגאַנגס־פּונקט און ענדציל, און עס ווערט פריי דער גאַנג צו דעם הבל הבלים, הכּל הבל, און צום לאָגיש־אויסגעהאַלטענעם געפיל פון נאכל ונשתה כּי מחר נמות, עס און טרינק און לעב אַ חזירישן טאָג, ווייל אַזוי אָדער אַנדערש ביסטו געוועזן גאָרנישט און דו וועסט אויך ווערן גאָר־נישט שבגאָרנישט.

ווידעראויפלעבן רעליגיע, שאַפן מעגלעכקייט פאַר איר ווי־דערגעבורט און פאַר ווידערגעבורט פון אַלץ, וואָס איז שיין אין איר אין פאָרם און אין אינהאַלט, הייסט פאַרבייטן איר סטאַטיש־קייט אויף דינאַמישקייט און איר געשלאָסנקייט און אָפּגעטויטקייט אויף אַ פּראָצעס פון אומאויפהערלעכער פאַנאַנדערפּעננונג און פאַנאַנדערבליאונג. עס קאָן נישט צופיל ווידערהאָלט ווערן, אַז די אויפלעבונג פון רעליגיע אין די ראַדיקאַלן מוז צווישן אַלע אַנדערע זאַכן באַדייטן קודם־כּל אַן ענגערע פאַרבינדונג צווישן רעליגיאָ־זיטעט און מאָראַל בכלל און דער עיקר צווישן ד ע ר מאָראַל, וואָס פאָדערט גלייכהייט אין דער עקאָנאָמיק און פרייהייט אין

גייסט פאר אלע מיטגלידער אין דער געזעלשאפט אן שום אויסנאם.
די דאזיקע פארבינדונג צווישן רעליגיאזיטעט און דעם נייעם העכסטן סאציאל־עטישן אידעאל דארף און וועט זיין דער סימן מובהק פון רעליגיעזן ראדיקאליזם אין קעגנזאץ צו אלערליי אטעאיסטישע און מאטעריאליסטישע ראדיקאליזמען, און פון דער ראדיקאלער רעליגיאזיטעט אין קעגנזאץ צו דער רעליגיע אין אירע אלערליי ארטאדאקסישע און רעפארמיסטישע געשטאלטן. רעליגיעזער ראדיקאליזם באטייט א שטרעבונג צו און אן איינשטעלעניש פאר א גרינטלעכער איבעראנדערשונג פון די סאציאלע שייכותן צווישן מענטש און מענטש אין ליכט פון דעם נביאישן כה אמר ה' — אזוי האט געזאגט גאט. ראדיקאלע רעליגיאזיטעט באטייט אן ארגאנישע פארבינדונג, אונטער וועלכער די העכסטע מאראלישע באגריפן און האנדלונגען ווערן די פרווושטיינער פון עכטע און טיפע רעליגיעזע געפילן.

דאס מיינט נישט, חלילה, ווי א סך ראדיקאלן שטעלן זיך עס פאר, אז גאטס עקזיסטענץ קאן אדער דארף אפגעפרעגט ווערן דורך דעם, וואס אין זיין נאמען זענען געטאן געווארן און ווערן באגאנגען טאטן פון העכסטער ברוטאליטעט און חיהשקייט, פון גרויליקער אוממאראלישקייט און אוממענטשלעכקייט. אזא אפפרעג איז לחלוטין נישט שייך, ווייל ווער קאן אונז קאווירן פאר דעם, אז דער קאנטראסט גופא צווישן ברוטאליטעט און ווייכהארציקייט און צווישן גוטס און שלעכטס וואלט גאר ינגאנצן עקזיסטירט, ווען נישט דאס געפיל, אז פאראן איז, ווי מען האט געלערנט דעם יידן צו זאגן, א האר פון דער וועלט, וואס האט געקיניגט איידער אלע באשעפענישן זענען באשאפן געווארן. זיכער איז אבער, אז מען קאן נישט באוווסטזיניקערהייט באגיין שלעכטע טאטן און מיאוסע האנדלונגען, בעת מען פילט און בעת מען איז טיף דורכגענומען מיט גאטס פאראנענקייט אין זיך און איבער זיך. און באגייט מען יא אזעלכע מעשים רעים, מיינט עס, אז נאך נישט טיף גענוג איז אריינגעדרונגען אין דער נשמה דאס געפיל פון מציאות הבורא.

נישט־עטישע אויפפירונג לייקנט נישט אפ גאטס זיין אויף דער וועלט, זי זאגט בלויז עדות אויף דעם, אז מען קען רעדן וועגן גאט מיט דער צונג, נישט פילנדיק אים אין הארצן און נישט דער-

קענענדיק אים מיטן פארשטאנד. מען קאָן זיין אָנגעשלאָסן אין אַן אָרגאַניזירטער רעליגיעזער אינסטיטוציע, נישט זייענדיק דורכ־געדרונגען מיט קיין רעליגיאָזיטעט. מען קאָן מיט די לעפצן שעפּטשען תפילות צו גאָט, און מיט די מחשבות און תשוקות זיין פאַרטאָן אין זאַכן און קעגנשטאַנדן, וואָס האָבן צו געטלעכקייט קיין ברעקל שייכות נישט. אַ גרויסער זין איז דעריבער פאַרבאַהאַלטן אין דעם באַפעל: אוהבי ה' שנאו רע, איר וואָס האָט ליב גאָט, האָט פיינט שלעכטס. עס מיינט, אַז די שנאה צו שלעכטס איז דער פּרוּוושטיין פאַר דער ליבע צו גאָט. נאָר ווען די ליבע צו גאָט פירט צו גוטס, שיינס און דערהויבנס, קומט רעליגיע צו איר טיפסטן אויסדרוק — צו רעליגיאָזיטעט.

די נפקא מינא צווישן רעליגיע און רעליגיאָזיטעט האָט פאַרשטאַנען דער נביא, און דערום די רייד פון ישעיה הנביא:

אייערע ראש־חודשן און אייערע יום־טובים
האָט פיינט מיין זעל,
זיי זענען מיר צו־לאַסט געוואָרן,
איך קען זיי נישט פאַרטראָגן.
און אַז איר שפּרייט אויס אייערע הענט,
וועל איך פאַרהוילן מיינע אויגן פון אייך...
אייערע הענט זענען פול מיט בלוט.
וואַשט אייך, רייניקט אייך,
טוט אָפּ אייערע שלעכטע מעשים
פון קעגן מיינע אויגן,
הערט אויף שלעכטס צו טאָן.

רעליגיע איז נאָר דעמאָלט רעליגיאָזיטעט, נאָר דעמאָלט באַטייט זי אַ פילן און אַן אַריינלעבן זיך אין דעם זיין פון אַן אַלעכסטן לייטערנדיקן גייסט, ווען זי באַווירקט און באַאיינפלוסט צום שענסטן, העכסטן און טיפסטן דעם יחיד און דעם כלל, אַלע שייכותן צווישן זיי און אַלע קולטור־אויסדרוקן אין זיי.

צו טרייבן די ווידערגעבורט פון רעליגיע און די פאַרטיפונג פון רעליגיאָזיטעט אויף די וועגן פון נביאים, — דאַרף ווערן איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן פונם ראַדיקאַליזם. עס איז גע־

קומען די צייט, ווען עס דאַרף טיף דערפילט ווערן און קלאָר פאַרשטאַנען ווערן און מיט פולן מויל צו זיך און צו אַנדערע געזאָגט ווערן, אַז אונזער יידיש־נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע באַוועגונג באַוועגט זיך קוים, און באַלד, באַלד וועט זי זיך פון אָרט נישט רירן, סיידן עס וועט אַריינגעבראַכט ווערן אין דעם יידיש־ראַדיקאַלן לעבן אַ ראַדיקאַל־רעליגיעזע קראַפט, וואָס נאָר זי קאָן אַריינגעבן אין די אַלטע פאָרמען אַ נייעם לעבנס־אָטעם.

פאָרמען פון אַן אַלטן לעבן קאָנען ווערן אַ פונדאַמענט פאַר נייע פאָרמען פון אַ נייעם גלויבן. זיי קאָנען אָבער נישט און וועלן אויף קיין פאַל נישט ווערן אַזאַ פונדאַמענט פאַר אַ לעבן, וואָס זאָל זיין רעליגיע בלויז לויטן נאָמען, ד. ה. רעליגיע אָן אַ גאָט. אַ בלויז מענטשלעך־גייסטיקע וועלט, אַ ריין מענטשלעך־גייסטיק לעבן קאָן זיין אַלץ, נאָר נישט קיין רעליגיעזע וועלט און נישט קיין רעליגיעז לעבן. אין אַזאַ וועלט, אין אַזאַ לעבן קאָן נישט אַריינגענומען ווערן דער באַגריף אמונה. גלויבן אין זין פון רעליגיאָזיטעט האָט אַלע מאָל געמיינט און וועט אויף ווייטער מיינען באַהעפטונג אויף אַזאַ אָדער אַן אַנדער אופן מיט גייסט איבערמענטשלעכן, מיט וועלט איבער אונזער וועלט, און מיט קוואַלן איבערערדישע.

דער קווינט־עסענץ פון גלויבן, דער מהות פון רעליגיאָזיטעט איז דאָס פילן און באַנעמען די פאַראַנענקייט פון אַ גייסט, וואָס איז העכער און איבער דעם גייסט, וועלכן מיר פילן און זעען אין מענטשן. ער איז העכער און איבער אַלץ, וואָס קאָן פאָרגעשטעלט און אויסגעמאָלט ווערן אין דער מענטשלעכער פאַנטאַזיע. אויף דעם בעסטן און העכסטן פאַל איז מענטשנס גייסט אַן אויסדרוק בלויז פון אַן אַלץ־איינשליסנדיקן און אַלץ־איבערשטייגנדיקן אַלוועלטלעכן גייסט. דער זין און ווערט פון מענטשנס גייסט ליגט אין דעם, וואָס פאַראַן איז אַ וועזן, אַ קראַפט, וואָס איז גרעסער, העכער און הייליקער פון מענטשן און וואָס גיט זין, ווערט און באַטייט צו אַלץ, וואָס דער מענטש פילט און באַצייכנט ווי הייליק. און ווי דער העכסטער אַלוועלטלעכער גייסט איז איבער אַלץ, אַזוי איז ער אויך אין אַלץ.

גאָט, אַלזאָ, איז נישט, ווי דער ראַדיקאַליזם האָט ביז איצט אָנגענומען, אַ פועל־יוצא פון דער בענקשאַפט פון דער מענטשלע־

בער נשמה — נאָך העכערס, שענערס, נאָך איבערערדישעס און איבערנאַטורישעס, נאָר פאַרקערט, ער איז די סיבה פון דעם אַלץ. ווען ער זאָל נישט זיין, וואָלט די בענקשאַפט נישט געווען. דער ראַדיקאַליזם מוז זיך איינינקן מיט דעם געדאַנק און אָנהויבן צו־לאָזן צו זיך דאָס געפיל, אַז גאָטס פאַראַנענקייט איז פאַראַנט־וואָרטלעך פאַר די לעכצענישן און בענקענישן נאָך איבערס און העכערס, נאָך שענערס און טיפערס. זיין עקזיסטענץ רעגט עס די נשמה צו פרעגן:

ה׳, איה אמצאך? ואיה לא אמצאך?
מקורך נעלה ונעלם, כבודך מלא עולם.

(גאָט, ווו קאָן איך דיך געפינען? אָבער ווו קאָן איך דיך נישט געפינען?).

דו ביסט באַהאַלטן אומעטום און מען זעט דיך, און דו ביסט פול אומעטום.*).

פאַראַן איז אַלזאָ בענקשאַפט צום העכערן און העכסטן, צום הייליקן און הייליקסטן, פאַראַן אַ שטרעבן צו דעם, וואָס ווערט פון קיינע באַגריפן און פאַרשטעלונגען נישט דערפאָרשט און נישט דערגרונטעוועט און פון קיינע געפילן און עמאָציעס נישט אויסגעשעפּט. און פאַראַן איז דאָס אַלץ דערפאַר, ווייל פאַראַן איז דער, וואָס גייט אונטערן נאָמען גאָט און וועלכער איז שאַפער און אורקוואַל פון זיך אַליין און פון אַלץ, וואָס מיר זענען יאָ און נישט תּופס, פון אַלץ, וואָס גייט אריין אין קרייז פון אונזער פאַר־נעם און באַנעם און פון דעם, וואָס שטייט פון יענער זייט פון דעם דאָזיקן קרייז און וואַרט אויף דער געלעגנהייט אַריינגענומען צו ווערן. עס איז דער גאָט פון שפּינאָזאַ, פון רמב״ם, פון בערג־סאָן, אַזוי גוט ווי פון אברהם, יצחק און יעקב.

און נאָר ווען גאָט איז פאַראַן, איז פאַראַן גלויבן, פאַראַן הייליקייט, פאַראַן רעליגיאָזיטעט. ווי האָריזאָנט איז צו דער שייכות צווישן הימל און ערד, אַזוי איז רעליגיאָזיטעט — צווישן גאָט און מענטש. רעליגיאָזיטעט איז דער צונויפטרעף־פונקט צווישן גאָט און מענטשלעכן גייסט, צווישן דער אַלוועלט־נשמה און דער נשמה אינם מענטשן.

---

*) ליעסין, „צוקונפט״, אַפּריל 1934.

די שווערסטע און שרעקלעכסטע אָנשיקעניש אויף דעם ראַ־דיקאַליזם איז געווען און איז נאָך אויך איצט דער אַזוי־גערופענער פּרייער געדאַנק. דאָס איז דער געדאַנק, אַז דער רעליגיעזער גלויבן קאָן אויסגעליידיקט ווערן פון דעם גאָט־באַגריף, אָדער, אַז מען קאָן אים אָנפילן און אויספילן מיט דעם באַגריף וועגן אַ גאָט, וואָס אים האָט מענטש באַשאַפן, אָנשטאָט דעם באַגריף פון אַ גאָט, וועלכער איז דער בורא הכל. דער געדאַנק פון אַ רעליגיאָזיטעט אינגאַנצן אָן אַ גאָט, אָדער מיט אַ גאָט געפורעמט און געשטאַל־טעט פון מענטשן, וואָס זשיטלאָווסקי און אַנדערע האָבן אָנגע־רופן פרייע רעליגיאָזיטעט, איז איינער פון די שווערסטע ראַדי־קאַלעכץ־שטיינער, וואָס דריקט אויף די הערצער און מוחות פון די ראַדיקאַלן און טאָרמאָזירט די ראַדיקאַלע באַוועגונג. און ווען דער דאָזיקער שטיין, חלילה, נישט אַראָפּגענומען ווערן, וועט דער ראַ־דיקאַליזם ווערן אַזוי אומבאַוועגלעך, ווי אַ שיף אין וואַסער אָן די רודערס אויף צו שטויסן דאָס וואַסער.

אויב שוין יאָ רעדן וועגן פרייען געדאַנק, קאָן דען געמאָלט זיין אַ פרייערער געדאַנק, ווי דער געדאַנק, וואָס האָט זיך דורכגעשלאָגן דורך שפּינאָזאָן? און ווער, אויב נישט שפּי־נאָזאַ, איז דער מחבר פון די פאָלגנדיקע זאַצן, וועלכע וועלן פריער אָדער שפּעטער מוזן אַריינגיין אין בלוט און פלייש פון דעם ראַ־דיקאַליזם, אויב אים איז נאָר באַשערט צו לעבן און צו ווירקן.

זאַץ—1. ווער עס דערקענט זיך גופא און זיינע עמאָציעס, ליבט גאָט, און אַלץ מער, וואָס מער ער דערקענט זיך גופא און זיינע עמאָציעס.

זאַץ—2. די דאָזיקע ליבע צו גאָט מוז פאַרנעמען דעם אויבן־אָן אין דעם גייסט.

זאַץ—3. דער מענטשלעכער גייסט קאָן נישט אַבסאָלוט פאַר־ניכטעט ווערן מיט דעם קערפּער, נאָר עס בלייבט עפּעס פון אים, וואָס איז אייביק.

זאַץ—4. אפילו ווען מיר וואָלטן נישט געוווּסט, אַז אונזער גייסט איז אייביק, וואָלטן מיר אַלץ פאַר דער העכסטער וויכטיקייט געהאַלטן פרומקייט און רעליגיע.

רעליגיע אַלזאָ איז העכסט וויכטיק, מחמת זי קניפּט אָן און באַהעפט מענטש מיט איבער־מענטש און איבער־וועלט. זי קניפּט

אים אָן און באַהעפט אים מיט דעם, וועלכער (אין שפּינאָזאַס ווערטער) „באַשטייט פון אומענדלעכע אַטריבוטן, וואָס יעדער איינער פון זיי דריקט אויס אַן אייביקן און אומענדלעכן מהות", און וועמענס נאָמען איז — גאָט.

דער פאַקט, וואָס אין יעדער רעליגיע געפינען זיך אויך מענטשלעכע עלעמענטן, מיינט בשום אופן נישט, אַז זיי אַליין, אָן די איבערמענטשלעכע עלעמענטן, קאָנען מעגלעך מאַכן דאָס ווייטערדיקע וועבן פון די רעליגיעזע פעדעם און נעצן. גאָט און די אייביקייט פון גייסט זענען די סיבה, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט רעליגיע און זיי זענען די קראַפט, וואָס באַוועגט רעליגיע אויף פאַרשידנערליי וועגן פון אַנטוויקלונג צו די אומענדלעכע טיפן און הויכן. אַלע מענטשלעכע עלעמענטן האָבן דאָרט אַ ווערט און אַ באַטייט נאָר אינם ליכט פון דעם מענטשנס חלומען און טראַכטן וועגן דער קראַפט, וועלכע איז העכער פון אים און צו וועלכער ער קאָן זיך אַלץ מער און מער דערנענטערן, אָבער קיינמאָל נישט צוקומען.

אין דער איצטיקער רעליגיעזער אויפוואַכונג דאַרפן מיר בלויז רייניקן די רעליגיע פון יענע פאָרמען, צערעמאָניעס און סימבאָלן, וואָס קעגן זיי רעבעלירט די טיפערע מאָראַל און עסטעטיק, ווי אויך די טיפערע רעליגיאָזיטעט — דאָס אייביקע קערנדל פון רעליגיע. אַלע תוכנם און וועזנטלעכקייטן פון דער רעליגיע דאַרפן און זאָלן געלייטערט ווערן אין די פייערן פון קריטיק פון שכל און פאַרנונפט, אין די פייערן פון מאָראַל און עסטעטיק, און זיי זאָלן אַזוי קאָנקרעט און זיכער אַוועקגעשטעלט ווערן פאַר אונזער מוח און אין אונזער האַרץ, אַז די מעגלעכקייטן און נויטיקייטן פון זייער עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג, ווי זיי מאָלן זיך אין אונזער פאַנטאַזיע און ווערן אַרויסגעבראַכט פון אונזערע געפילן, זאָלן נישט קאָנען אָפּגעפרעגט ווערן פון קיין שום אַנדערע אויסדרוקן פון אונזער גייסט און קולטור.

אויפן דאָזיקן וועג — אויפן וועג צו באַנייטער און פאַרטיפטער רעליגיאָזיטעט, צו אַ רעליגיאָזיטעט מיט אַ גאָט, — קאָן און זאָל די רעליגיעזע אויפוואַכונג געפירט ווערן פון אַ יידיש־נאַציאָנאַלן און רעליגיעזן ראַדיקאַליזם. און זאָל פאַר דעם צוועק זיך שאַפן אַ יידיש־נאַציאָנאַלער, רעליגיעז־ראַדיקאַלער קולטור־

בונד, וואָס יעדער מיטגליד זיינער זאָל תּיכּף אָנהויבן צו אַרבעטן מיט זיך און מיט זיינע קינדער, ווי אויך מיט אַנדערע און זייערע קינדער אויף אַ נייעם אײנשטעל אין די שייכותן צווישן יידישן נאַציאָנאַליזם, יידישער רעליגיע און יידישן ראַדיקאַליזם.

.5

.א

דאַן, ווען אייניקע וויסנשאַפטלער זענען געווען זיכער און אַנדערע האָבן געהאָפט, אַז אָט באַלד און די וויסנשאַפט וועט זיך דערגרונטעווען צו די יסודות פונם קאָסמאָס און זיך דערוויסן די סודות פון דער וועלט, — האָט פּרץ געשריבן: „וויסן איז איינפאַך ליכט, העלער טאָג, נאָר דאָס ליכט פּילט נישט אויס דעם רוים, דער טאָג — די צייט, דאָס וויסן — דאָס לעבן. אונזער גאַנצע וויסנשאַפט איז אַ גראָשנדיק ליכטל אין אַן אומענדלעךפינסטערער הייל.

„אין פינסטערע ערטער, אין פינסטערע צייטן לייכטן אונז אידעאַלן, און שימערירן אידעען...״

און וואָס איז — פרעגט זיך — די אידעע פון אַלע אידעען? וואָס איז די אידעע, וואָס גיט אַ טעאָרעטישע באַרעכטיקונג און אַ פּראַקטישע באַגרינדונג פאַר אַלע האָפענונגען און אַלע שטרעבונגען?

אויף דעם איז געווען און קאָן זיין נאָר איין ענטפער: די אידעע איז גאָט.

די מינדסטע פאַרטיפונג אין די פּראָבלעמען פון קולטור, פירט אונז אַליין מער צו דער איבערצייגונג, אַז יעדער טריאומף פון מענטשלעכן געדאַנק איבער דער נאַטור ברענגט דעם מענטשן פנים אל פנים מיט נייע, פריער נישט געזעענע רעגיאָנען, וואָס עפענען פאַרשלאָסענע פאַר אים האָריזאָנטן אין דער הויך און אין דער טיף פון דעם פאַרבאָרגענעם, וואָס איז אומענדלעך און אייביק. די אומענדלעכקייט און אייביקייט טראָגן זיך העכער איבער אַלע נויטווענדיקייטן און באַשטימונגען פון נאַטור־געזעצן, איבער אַליץ, וואָס איז באַגרענעצט אין צייט און אין רוים, און שטויסן

אונזער פאַנטאַזיע זיך צו מאָלן, אונזער געדאַנק צו טראַכטן און אונזער נשמה צו פילן גאָטס זיין אויף דער וועלט.

דאָס פילן און דאָס גלויבן, אַז פאַראַן איז אַן אַלהעכסטע, אַלמעכטיקסטע און אַן אַלוועלטלעכע גייסטיקע קראַפט, וואָס הייסט גאָט — איז דער ערשטער יסוד פון יעדער רעליגיע און רעליגיאָזיטעט, און דעריבער אויך — פון דער רעליגיע און רעליגיאָזיטעט פון אַ יידיש־נאַציאָנאַלן און רעליגיעז־ראַדיקאַלן קולטור־בונד.

רעליגיע און רעליגיאָזיטעט איז נישט נאָר אינדיווידועל, נאָר אויך סאָציאַל — דאָס איז דער צווייטער יסוד זיינער.

די סאָציאַלקייט פון רעליגיע נעמט זיך דערפון, וואָס די עקזיסטענץ פון יעדן מענטש געווינט אין זיינע אייגענע אויגן אין חשיבות און קריגט מער זין און באַטייט, וואָס מער אים געלינגט צו שאַפן אָדער צו געפינען אַרום זיך אַ שווין געשאַפענע אַטמאָספער, וואָס איז נאָענט צו אים אין גייסט. וואָס ברייטער און טיפער די אַטמאָספער און וואָס קרובהשער אין שייכות צו זיין גייסט, אַלץ מער מענטש דערפילט ער זיך, אַלץ מער געשטאַרקט ווערט ער אין זיין שטרעבן צו ווערן מער און גיין העכער, און אַלץ ווייניקער זיין פאַרלוירנקייט אין דעם קומען, נישט וויסנדיק פון וואַנען, און אין דעם גיין, נישט וויסנדיק וווהין. איינער, וואָס קאָן זיך נישט באַפרייען פון דעם געפיל, אַז ער אַליין און אַלץ אַרום און איבער אים הענגט אָפּ פון אַן אייביקן און אומענדלעכן גייסטיקן וועזן, — איז געטריבן פון אַן אומווידערשטיילעכן דראַנג צו עפענען די זעלביקע האָריזאָנטן פאַר די אויגן פון אַלע באַוווסטזיניקע וועזנס. אים ווילט זיך ביז גאָר אָנשטעקן די הערצער און נשמות פון אַלע מענטשן מיט די זעלביקע געפילן, און איינאיינעם מיט זיי לאָזן די דאָזיקע געפילן קומען צום אויסדרוק, זיך געשטאַלטן און אויסקריסטאַליזירן אין באַשטימטע לעבנספאָרמען און לעבנס־אינהאַלטן.

לעבנספאָרמען און לעבנסשטייגערס, וועלכע פירן צו געמיינשאַפטלעכע האַרץ־אויסגוסן צום שאַפער און פירער פון וועלט און מענטש, בינדן אינטימער און שטאַרקער מענטש צו מענטש און דורך דעם — אינטימער און שטאַרקער יעדן מענטש באַזונדער צום העכסטן וועלט־וועזן. דורך דעם ווידער ווערט פונדאַסנייע פאַרטיפט און דערנענטערט דער צוגאַנג פון מענטש צו מענטש.

עס שאַפט זיך אַזוי אַרום אַ פאַרכשופטער קרייז צווישן מענטש און מענטש און מענטש און גאָט, וואָס ווערט נישט און קאָן נישט איבערגעריסן ווערן.

דעריבער איז רעליגיאָזיטעט קיינמאָל נישט געווען און וועט קיינמאָל נישט זיין אינדיווידועל, ווי דאָס דענקט זשיטלאָווסקי און אַ סך ראַדיקאַלן מיט אים. זי איז געווען, איז און וועט זיין סאָציאַל, ווי דאָס איז געווען און דאָס וועט זיין דער מענטש גופא. רעליגיע איז אייגנטלעך אַן אָנקניפּ און אָנבונד פון מענטש אָן גאָט און פון דעם געטלעכן אין יעדן מענטש אָן דער געטלעכקייט פון אַלע אַנדערע מענטשן. פון אַלע צווייגן פון קולטור איז רעליגיע אַלע מאָל געווען צום ברייטסטן פאַרשפּרייט צווישן די מאַסן און אַזוי דאַרף עס זיין אויף אַלע מאָל. מער געלייטערטע מאַסן וועלן האָבן אַ מער געלייטערטע רעליגיע — אַ רעליגיע טיפער אין עטיק, העכער אין מעטאַפיזיק, רייכער אין עסטעטיק, אָבער אינגאַנצן זיין אויסגעלײדיקט פון רעליגיע און רעליגיאָזיטעט, אינגאַנצן אָן אַן אָנבונד אין אַ ציל־באַוווסטער סבת כל הסבות, אינגאַנצן אָן אַ לעבנסשטייגער, וואָס זאָל עסטעטיש און עטיש אויף אַ סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן אופן אויסדריקן דעם דאָזיקן אָנבונד — אָן דעם קאָנען נישט און וועלן נישט זיין די מאַסן.

די אָפּהענגיקייט און די אָנגעקניפּטקייט אָן דער העכערער און העכסטער קראַפט אין דער וועלט, האָט מענטש דערפילט און דערקענט אינם זעלביקן מאָמענט, ווען ער איז מענטש געוואָרן. און היינט צו טאָג פילט עס טיף און שטאַרק און עס דערקענט עס אויף אַ קלאָרן און זיכערן אופן יעדעס קינד, ווען עס ווערט זעלבסט־באַוווסט, אויב עס האָט נאָר נישט געהאַט דעם אומגליק פאַרסמט צו ווערן פון דער פאַרקריפּלענדיקער אַפּיקורסות, וואָס די פריידענקער האָבן אים, אויף אַ פרייען און געצוווּנגענעם אופן, איינגעגעבן אין קלענערע און גרעסערע דאָזעס אין די פריעסטע יאָרן פון זיין לעבן.

,,אין דער פאַרגאַנגענהייט, און אַפילו נאָך היינט, געפינען מיר — שרייבט דער פילאָזאָף אַנרי בערגסאָן — געזעלשאַפטן, וועלכע פאַרמאָגן נישט קיין וויסנשאַפט, קיין קונסט און קיין פי־

לאָזאָפיע; עס איז אָבער קיינמאָל נישט געווען און עס איז אויך היינט נישטאָ קיין געזעלשאַפט אָן רעליגיע"*).

און וואָס מער עס ווערן געפאָרשט די פאַרשידענע רעליגיעס און אַלערליי רעליגיאָזיטעטס־אויסדרוקן, אַלץ זיכערער ווערט, אַז די וואָרצלען פון רעליגיע זענען איינע און די זעלביקע, מעגן די צווייגן, די בליאונגען און די פרוכטן זיין ווי פאַרשידן איינע פון די אַנדערע.

און וואָס זענען די וואָרצלען?

זיי זענען די געפילן אין דער נשמה און די אינטואיטיווע באַנעמונגען פון גייסט אין מענטשן, אַז ער און וועלט זענען אויסדרוק אָדער שאַפונג פון אַן איבערוועלטלעכער און איבערנאַטירלעכער קראַפט. מיט דער אַנטוויקלונג און פאַרטיפונג פון די געפילן און פון דער אינטואיציע אין מענטשן ווערט די דאָזיקע קראַפט אַלץ מער דערפילט און אַנטפּלעקט ווי אַן אַלץ־ארומנעמענדיקער גייסט.

„פונקט" — שרייבט בערגסאָן — „ווי די פּלאַטאָנישע אידעען האָבן פאַר אונז פּולקאָמען און פולשטענדיק אַנטפּלעקט די רעאַליטעט, וואָס פון איר זעען מיר בלויז גראָבע אָפּשפּיגלונגען, אַזוי פירט אונז די רעליגיע אין אַ מלכות שדי, פון וועלכן אונזערע איינריכטונגען, געזעצן און געברויכן צייגן בלויז די גרעבסטע אומריסן". און זיינע נייעסטע פאָרשונגען אויפן געביט פון רעליגיע פירן אים צום שלוס, אַז „דער פּאָליטעאיזם מיט זיין מיטאָלאָגיע אימפּליצירט אַ מאָנאָטעאיזם, ביי וועלכן די פילפאַכע גאָטהייטן עקזיסטירן בלויז סעקונדער ווי רעפּרעזענטאַנטן פונם געטלעכן**).

דאָס געפיל, אַלזאָ, פון אַ גאָט־פאַראַנענקייט אין און איבער וועלט און מענטש איז דאָס קערנדל פון רעליגיע און רעליגיאָזיטעט אין אַלע צייטן און אין אַלע ערטער; און באַוויזן האָט זיך עס אויף גאָטס וועלט, אויב נישט — ווי בערגסאָן דענקט — פריער פאַר וויסנשאַפט, קונסט און פילאָזאָפיע, איז זיכער איינצייטיק מיט די דאָזיקע און אַלע אַנדערע צווייגן פון קולטור. און עס איז נישט פאַראַן קיין שום ספק אין דעם, אַז דאָס דאָזיקע קערנדל האָט זיך

---

*) אין זיין בוך „קוואַלן פון מאָראַל און רעליגיע".

**) אין זיין אויבן דערמאָנטן בוך.

באַזעצט, אויב נישט אין יעדן מענטשנס האַרץ און נשמה, איז, זיכער, אין מער הערצער און נשמות פון מענטשן, איידער וועלכע עס איז אַנדערע קולטור־קערנדלעך. און ווער נאָר עס טראָגט אין זיך אַ רעליגיעז קערנדל, דער שטרעבט צו דעם, אַז וואָס מער הערצער און נשמות פון מענטשן זאָלן ווערן באַדנס, אין וועלכע אַזעלכע קערנדלעך זאָלן שלאָגן וואָרצלען.

דער רעליגיעז־פילנדיקער דאַרף און זאָל טאָן מיט דעם, וואָס פילט נישט רעליגיעז, דאָס זעלביקע, וואָס דער זעעוודיקער טוט מיט דעם בלינדן. וואָס ווערט נישט געטאָן און וויפיל דאַרף און וועט נאָך געטאָן ווערן אויף צו מאַכן די בלינדע זעעוודיק? פאַר־וואָס־זשע זאָל זיך יעדער רעליגיעז־פילנדיקער נישט געבן די גרעסטע מי און זיך נישט אָנשטרענגען ביז גאָר פאַר דעם, אַז דער געשטראָפטער, פון גליקזעליקייט אויסגעשלאָסענער נישט־רעליגיעז־פילנדיקער, זאָל דערפילן זיך, די וועלט און איבער־וועלט אויף אַ רעליגיעזן אופן? נישט־רעליגיעזקייט איז דאָך נישט, חלילה, קיין אומהיילבאַרע חולאת, וואָס מיט איר קומט עמעצער אויף דער וועלט און מוז מיט איר בלייבן ביז ער גייט אַוועק פון דער וועלט. זאָגט דאָך אונז דער גרויסער פסיכאָלאָג דזשיימס, אַז „די נישט־רעליגיעזקייט קאָן זיך נאָך אַלעמען אַרויסווייזן אַלס פאַל פון ציטווייליקער אינהיבירונג. אַפילו שוין גאָר אין שפּעטערדיקע יאָרן פון מענטשנס לעבן קאָן פאָרקומען אַ געוויסע צעשמעלצונג, אַ געוויסע באַפרייאונג, אַ געוויסער ריגל קאָן זיך אַ דריי טאָן אין דער טרוקנסטער ברוסט און דעם מענטשנס האַרטע האַרץ קאָן ווייכער ווערן און אויסברעכן אין אַ רעליגיעזן געפיל״*).

און דער אמת איז דאָך, אַז די גאַנצע ראַדיקאַלע נישט־רעליגיעזקייט איז אַ פועל־יוצא פון אַ ציטווייליקער אינהיבירונג, אַ רעזולטאַט פון דעם, וואָס עס האָט זיך פאַרשפּרייט דער געדאַנק, אַז עס איז נישט פּראָגרעסיוו, נישט וויסנשאַפטלעך, נישט פאַרנינפטיק צו זיין רעליגיעז. עס איז בשום־אופן נישט פאַראַן מער פרייקייט און זעלבשטענדיקייט אין דער נישט־רעליגיעזקייט פון דעם ביז־איצטיקן ראַדיקאַליזם, ווי אין דער רעליגיעזקייט אַפילו פון דער אָרגאַניזירטער רעליגיע פון דער ביז־איצטיקער שול. האָט

*) אין זיין בוך *Variety of Religious Experiences*

דאָך שוין פּרץ לאַנג צוריק געפרעגט די ראַדיקאַלן: פריי ווילט איר זיין? איז אָנגעוואָרפענע אַפּיקורסות נישט קיין צוואַנג, נישט קיין יאָך גלייך מיט אָנגעוואָרפענער פרומקייט?

פאַרוואָס־זשע זאָלן זיך נישט אַלע רעליגיעז־פילנדיקע ראַדיקאַלע יידן — און אַזעלכע זענען שוין פאַראַן אַ היפשע צאָל — פאַראייניקן און אויף אַ געמיינשאַפטלעכן אופן אַרבעטן אויף אָפּצושאַפן די רעליגיעזע אינהיבירונג דורך פאַרשפּרייטן אויף אַ מינדלעכן און שריפטלעכן אופן דעם געדאַנק, אַז רעליגיאָזיטעט איז טיפסטן זין פון וואָרט שטימט מיט פּראָגרעס, מיט וויסנשאַפט, מיט פילאָזאָפיע און מיט אַלץ אין מענטש און מענטשהייט, וואָס שטויסט אויף די וועגן, וואָס פירן פון חיהשקייט צו איבערמענטשלעכקייט?

„דער רעליגיעזער סענטימענט — שרייבט דער יידיש־ענגלישער פילאָזאָף אַלעקסאַנדער — שטאַמט פון אַן אָרגאַנישן און רויען אינסטינקט אָדער — אויב די פּאַסיקייט פון טערמין אינסטינקט זאָל אָפּגעפרעגט ווערן — פון אַ רויען שטרעבן אין דער מענטשלעכער נאַטור. מיט דעם, וואָס איך רוף עס אַן רויער אינסטינקט, מיין איך נישט צו זאָגן, אַז עס איז פון דער זעלביקער מדרגה, וואָס די קערפּערלעכע אינסטינקטן, ווייל עס איז דאָך דאָס העכסטע, וואָס מיר פאַרמאָגן, אויף וויפיל עס באַציט זיך אויף דעם פולקאָמסטן קעגנשטאַנד. איך מיין בלויז, אַז עס איז אַ פאַרלאַנג, וואָס איז פאַרוואָרצלט אין אונזער וועזן און וואָס נוויטיקט זיך נישט אין מאָראַל אָדער קונסט, אַז זיי זאָלן אים אַנטפּלעקן פאַר אונז, נאָר פאַרקערט, ער ווערט דורך זיי ווי אויך דורך אַנדערע מיטלען סטימולירט צו האַנדלונג“*).

יעדער מענטש, אַלזאָ, איז געבענטשט פון גאָט מיט דער פעאיקייט דורכגעגנומען צו ווערן מיט רעליגיאָזיטעט און דערפילן און דורכלעבן יענע אייגנאַרטיקע גליקזעליקייט, וואָס נאָר זי קאָן געבן. ווי די בלומען אין פרילינג, אַזוי קאָנען נאָך אַמאָל די האַרטסטע הערצער פון די ראַדיקאַלסטע ראַדיקאַלן זיך עפענען פאַר די שטראַלן פון געטלעכקייט. און אויב רעליגיאָזיטעט איז פאַר די כחות פון גאָר פיל מענטשן, פאַרוואָס־זשע נישט אַרבעטן פאַר דעם,

---

*) אין זיין בוך *Space, Time and Diety*

אַז זי, די דאָזיקע פּאָטענציעלע רעליגיאָזיטעט, זאָל אַרויסגע־בראַכט ווערן מכּח אל הפּועל, און אַז דורך דעם זאָל דער גייסט אין מענטשן אַלץ אָפטער געטריבן און געשטויסן ווערן צו אַלץ זינ־רייכערע טריאומפן איבער דער מאַטעריע?

קיין איין מענטש מוז נישט און טאָר נישט געצוווּנגען ווערן צו זיין רעליגיעז, פּונקט ווי ער מוז נישט און זאָל נישט געצווּנגען ווערן צו זיין נישט־רעליגיעז. יעדער מענטש אָבער דאַרף זיין רעליגיעז.

ווייל רעליגיאָזיטעט איז אַ טיפער, אויב נישט דער טיפסטער קוואַל פון גליקזעליקייט. און וואָס מער אמת רעליגיעז־פילנדיקע מענטשן אין איינעמם פאָלק, אין איינעמם געזעלשאַפט, אַלץ אימ־פּעטיקער קוואַלט זיין איינענע גליקזעליקייט. אימפּעט שטעקט אָן מיט אימפּעט און פירט צו דעם, אַז עס זאָלן טיפער געגראָבן ווערן די אַלטע קוואַלן און עס זאָלן זיך פאַנאַנדערעפענען נייע קוואַלן פון גליקזעליקייט. פאַראַן אַן אייביק ווערן, וואָס רופט, וועקט און שטויסט די בענקשאַפט און די דענקשאַפט, דאָס ווילן און דאָס שטרעבן צו דעם העכערן, שענערן און טיפערן און דאָס אַריינלעבן זיך אינעם אייביקן און אומענדלעכן. אייביק איז דעריבער דער מקור פון רעליגיע. און ווי אייביק איר מקור, אַזוי אייביק איז איר סאָציאַליטעט. זי איז, ווי דער מענטש גופא, געווען פריער סאָציאַל און נאָכדעם אינדיווידועל. און וואָס מער אינטענסיוו זי ווערט אינ־דיווידועל, מער עקסטענסיוו ווערט זי סאָציאַל: מער אַלגעמיין, מער אָנשלאָגנדיק אין אַן אַלץ גרעסערער און גרעסערער צאָל מענטש־לעכע הערצער און נשמות און אַלץ מער טרייבנדיק און שטויסנדיק זיי אָנצושליסן זיך אין אַלערליי גרופּעס, געמיינדעס און געזעל־שאַפטן.

און איז רעליגיע סאָציאַל, מוז זי שוין איפּסאָ פאַקטאָ זיין נאַציאָנאַל.

די נאַציאָנאַלקייט פון רעליגיע איז דער דריטער יסוד פון דעם יידיש־נאַציאָנאַלן און רעליגיעז־ראַדיקאַלן קולטור־בונד.

יעדער קולטור־סאָציאַלער אויסדרוק ווערט און זאָל געשטאַל־טעט ווערן נאַציאָנאַל. וואָס איז גוט און נויטיק פאַר מיין נשמה, פאַר מיין גייסט, זאָל דורך מיין אַרבעט, דורך מיינע אָנשטרענגונ־גען, וואָס גיכער דערפילט ווערן ווי גוט און נויטיק פאַר דער גייסטי־

קער אַנטוויקלונג פון יעדן זון און טאָכטער קודם־כל פון מיין פאָלק, און דורך מיין פאָלק — פון יעדן איינציקן זון און טאָכטער פון אַלע אַנדערע פעלקער.

דאָס וואָרט פרייהייט, ווען מען רעדט און שרייבט וועגן פרייער רעליגיע, אָדער פרייע רעליגיעזע געמיינדעס, קאָן און זאָל בלויז מיינען פריי פון וועלכן עס איז פּאָליטישן צוואַנג, פריי פון וועלכן עס איז מלוכה־ אָדער געזעץ־צוואַנג; פריי פון פּאָליטיק בכלל. אויף וויפיל די אידעע און דער אויסדרוק סאָציאַליזם טראָגט אין זיך אַן אָנווונק אויף פּאָליטיק, מלוכה און געזעץ, אויף אַזוי פיל, גלויב איך, טאָר נישט רעליגיע און סאָציאַליזם דערמאָנט ווערן בנשימה אחת. דער אויסדרוק רעליגיעזער סאָציאַליזם טראָגט אין זיך, לויט מיין איבערצייגונג, די געפאַר פון פּאָליטישער אָדער מלוכהשער אַריינמישונג אין די שייכותן פון מענטש צו גאָט, — די געפאַר, אַז עס קאָן אָנגעווענדט ווערן דער צוואַנג און די אונטערדריקונג פון געזעץ פאַר אָדער קעגן רעליגיע און רעליגיאָזיטעט. פרייע רעליגיע אָבער און פרייע רעליגיאָזיטעט טאָר און זאָל בשום־אופן נישט מיינען פריי פון סאָציאַליטעט און נאַציאָנאַליטעט. עס טאָר נישט און עס זאָל נישט מיינען, אַז רעליגיע איז אינדיווידועל. געזעלשאַפט און פאָלק זענען אינטים און אָרגאַניש פאַרבונדן מיט די רעליגיעזע געפילן און אָנשויאונגען פון דעם יחיד, וועלכער איז אַ מיטגליד פון אַ געזעלשאַפט און אַ זון פון אַ פאָלק. און די סאָציאַל־נאַציאָנאַלע רעליגיעזע פאָרמען און לעבנסשטייגערס זענען אויסדרוקן און קריסטאַליזירונגען פון יחידישע און כללישע וועלט־ און גאָט־באַנעמען.

רעליגיע, צוליב איר פּריאָריטעט און צוליב איר פּרימיטיווער און פעסטער פאַרוואָרצלטקייט אין דער נשמה און גייסט פון מענטש און פאָלק, מוז און זאָל מער ווי וועלכע עס איז אַנדער קולטור־אויסדרוק זיך בויען, אַנטוויקלען און געשטאַלטן אויף נאַציאָנאַלע יסודות.

דער אינדיווידו האָט אַ רעכט צו פאָדערן, עס זאָל אים געגעבן ווערן די פולסטע פרייהייט אַריינצוברענגען אַלערליי ענדערונגען אין די רעליגיעזע באַגריפן פון זיין פאָלק, רעוואָלוציאָניזירן זיין פאָלקס־רעליגיע ביז צו אירע גרונטן, ווי אויך — אויב דאָס ווערט זיין איבערצייגונג — צו באַקערן זיין פאָלק צו אַן אַנדער רעליגיע.

אליין אבער זיך באקערן צו א רעליגיע פון אן אנדער פאלק איז פארראט לגבי דעם אייגענעם פאלק, אפילו ווען מען בלייבט, ווי, למשל, זשיטלאָווסקי מאלט זיך עס, ביי די טראדיציעס און ביי דער נאציאנאל־רעליגיעזער פּאעטישקייט פון זיין פאלק. אודאי קאן און מעג יעדער אינדיווידו דערקענען און דערפילן — און גאר א סך אינדיווידן האבן דערקענט און דערפילט — גרויסקייטן און טיפ־קייטן רעליגיעזע, עטישע, מעטאפיזישע און עסטעטישע אין דער גאט־גלויביקייט פון אנדערע פעלקער — אזעלכע אינדיווידן אבער מוזן ארייננוועבן זייערע דערקענטעניש און דערפילונגען אינם גע־וועב פון דער רעליגיע פון אייגענעם פאלק.

בארוואס טאן אנדערש מיט רעליגיאזיטעט, ווי מיר ווילן, אז עס זאל געטאן ווערן מיט שפראך, מיט פילאזאפיע, מיט עטיק און מיט קונסט? אלץ, וואס איז מענטשלעך, געשטאלטעט זיך סאציאל און נאציאנאל, און רעליגיאזיטעט מער פון אלץ, ווייל זי איז דער פריעסטער און טיפסטער שלאגנדיקער ווארצל אין דעם באדן פון גייסט און קולטור. דאס יחידישע ווי דאס אוניווערסאלע, דער איינציקער און די גאנצע מענטשהייט שלאגן זייערע ווארצלען פון אלדאס שענסטע און בעסטע אינם באדן פון סאציאליטעט און נאַ־ציאנאליטעט.

„א יחיד" — שרייבט פרץ — „איז נישט קיין פרייער איינ־ציקער פונקט אויף דער וועלט. ער איז אן אויג אין ערגעץ, וואס פארשפרייט זיך אויף א געוויסן פלאץ אויף דער ערד. די נעץ איז זיין דור. א מענטש איז איינגעוועבט א רינגעלע פון דער אומגע־הויערקייט, וואס ציט זיך פון אברהם אבינו עד סוף כל הדורות.

„ווער קאן אויף זיך זאגן, אז ער געהערט צו א פאלק? דער, וואס האט פארבינדונג מיט אלע אויגן פון דער נעץ, פון דער פאר־שפרייטער אויף דער גאנצער וועלט, און קען גוט די קייט, וואס ציט זיך פון אברהם אבינו ביז דעם היינטיקן טאג".

דער ערשטער אני מאמין דעריבער פון א קולטור־בונד אויף יידיש־נאציאנאלע און רעליגיעז־ראדיקאלע יסודות, דארף זיין דער גלויבן, אז דאס געפיל פון גאטס פאראנענקייט אויף דער וועלט איז געווען און וועט בלייבן דער לעבנס־אטעם פון רעליגיאזיטעט. דער צווייטער און דריטער אני מאמינס קאנען אויסגעדריקט ווערן אין איין זאץ און דאס איז: דער גלויבן, אז דאס געפיל פון מציאות

הבורא דאַרף און זאָל קומען צום אויסדרוק אויף אַ סאָציאַלן אופן און דורך אַזעלכע נייע און אַלטע לעבנס־פאָרמען און לעבנס־שטייגערס, וועלכע זאָלן אַנטוויקלען, פאַרקערפּערן און פּאָזיטיוו נאַציאָנאַלע וועלט־ און לעבנס־אינהאַלטן — נאַציאָנאַלע אָנשויאונגען און איבערצייגונגען וועגן די שייכותן בין אָדם למקום און בין אָדם לחברו.

ב.

קינדער פונם יידישן פאָלק מעגן און זאָלן טאַקע דעם גאָט־באַגריף פון דער יידישער לעגענדע, דעם גאָט פון אַברהם, פון יצחק און פון יעקב, דעם גאָט פון דער אגדה פאַרטיפן און דערהויבן אין ליכט פון אַלערליי רעליגיעזע און מעטאַפיזישע גאָט־באַגריפן פון אַלע פעלקער פון דער וועלט. זיי מוזן אָבער מיט דעם גאַנצן פאָלק ישראל בלייבן ביים גאָט פון דער יידישער לעגענדע, ביים גאָט פון אַברהם, יצחק און יעקב און ביים גאָט פון דער יידישער אגדה.

מיטגלידער פון אַ יידיש־נאַציאָנאַלן און רעליגיעז־ראַדיקאַלן קולטור־בונד און פון יידיש־נאַציאָנאַלע און רעליגיעז־ראַדיקאַלע פאַראיינען און געמיינדעס בכלל, טאָרן נישט און זאָלן נישט דערייבער קאָרגן קיין מי און קיין אָנשטרענגונג אויף דעם, אַז זיי אַליין און דער עיקר זייערע קינדער זאָלן נאָענט און אינטים און אויף אַן ערשטקלאַסיקן אופן קודם־כל באַקאַנט ווערן מיט די לערעס פון אונזערע חכמים וזקנים וועגן די שייכותן צווישן מענטש, וועלט און גאָט.

דאָס ערשטע און דאָס גרונטיקסטע, וואָס מוז און זאָל באַלד געטאָן ווערן פון יעדן מיטגליד פון דאָזיקן קולטור־בונד און פון די אין אים אָנגעשלאָסענע און זיך באַהעפטנדיקע פאַראיינען און געמיינדעס, איז אַוועקצושטעלן פאַר זיך און פאַר די קינדער ווי אַן אויפגאַבע און ווי אַן אידעאַל, וואָס מוז אָן תּרוצים רעאַליזירט ווערן — דאָס לערנען העברעאיש. ווער עס טראָגט דעם נאָמען ייד, מוז לערנען די שפּראַך, וואָס אין איר איז אויסגעדריקט און פאָרמולירט געוואָרן די גאָט־אַנטפּלעקונג און די גאָט־דערקענטעניש פונם יידישן פאָלק. מחמת די דאָזיקע אַנטפּלעקונג און דערקענטעניש, וואָס צייכנט אוים דאָס יידישע פאָלק צווישן אַלע אַנדערע

פעלקער, גיט אים אן אייגנארטיקייט און אויסשיידונג, וואס האבן נישט קיין גלייכן צו זיך אין דער געשיכטע פון קיין פאלק אין דער וועלט.

ביי וועלכן נאך פאלק אין דער וועלט איז זיין רעליגיע אזא ארגאנישער און אינטעגראלער טייל פון זיין געשיכטע, ווי ביי דעם יידישן פאלק? וואס נאך פאר א פאלק אין דער וועלט האט ווי דאס יידישע, באוויזן דורך זיינע נביאים צו שפינען רעליגיאזיטעט מיט עטישע פעדעם—מיט די פעדעם פון סאציאלער גערעכטיקייט? און אויף וואסער געביט פון קולטור און גייסט האט זיך צום שטארקסטן און טיפסטן ארויסגעוויזן די אריגינאליטעט און גע־ניאליטעט פונם יידישן פאלק, אויב נישט אויף דעם געביט פון רעליגיעזער עטיק און עטישער רעליגיאזיטעט? און דאס אלץ צום ערשטן מאל און אויף דעם שענסטן, אייגנארטיקסטן און דער־הויבנסטן אופן אין — דער העברעאישער שפראך, וועלכע איז צו־ליב דעם טאקע דערפילט געווארן און פארבליבן אויף שטענדיק אין זכרון פון פאלק ווי א הייליקע שפראך — א לשון קודש. צו לערנען און צו קענען די דאזיקע שפראך שוין צוליב דעם אליין, אז מען זאל קאנען לייענען דעם תנ"ך אינם אריגינאל, איז די הייליקע פליכט פון יעדן יידן בכלל און פון יעדן ראדיקאלן יידן בפרט.

נישט קיין אנדערער, ווי דער איבערגעגעבנסטער און פייער־דיקסטער קעמפער פאר יידיש — חיים זשיטלאווסקי, האט געשריבן אין 1911: „די הייליקע שפראך פון יענער צייט, ווען די יידישע נשמה האט נאטירלעך און נישט געקינסטלט אויסגעדריקט אין איר איר תוך — אט יענע שפראך צו שטודירן, און איר זיך צו פאר־טיפן, זען, אז יעדער ייד זאל קאנען לייענען דעם תנ"ך אין אריגי־נאל — לייענען באוואפנט מיט דער גאנצער קריטישער און היסטא־ריש־פילאלאגישער וויסנשאפט פון אונזער צייט, — דאס איז אן אידעאל, וועלכן די נאציאנאל־פאעטישע ווידערגעבורט פון דער יידישער רעליגיע קאן בשום־אופן נישט ארויסלאזן פון איר לייסטער. אלע מאל, ווען מיר טיפן זיך אריין אין געדאנק פון אונ־זערע הייליקע שריפטן, דערהויפט אין די נביאים, פילן מיר, ווי דאס הארץ הויבט אן צו שלאגן פריידיק און שטאלץ, ווי נייע קוואלן פון לעבן און מוט גיסן זיך אריין אין די אדערן, ווייל אייביקייט־

און אומענדלעכקייט הויכט כמעט פון זייער יעדער שורה... זיי זענען אומשטערבלעך און עס ווילט זיך גלויבן, אַז אומשטערבלעך איז אויך דאָס פאָלק, וואָס האָט זיי אַרויסגעבראַכט״.

אַ סך פריער פאַר זשיטלאָווסקין האָט פּרץ געשריבן: „די העברעאישע שפּראַך האַלט צוזאַמען די רינגען אין דער צייט. זי פאַראייניקט אונז מיט משה רבנו, מיט די נביאים, מיט דער משנה, מיט דער גמרא, מיט אַלע אונזערע גרויסע שטערן, וואָס האָבן אַמאָל אויף אונזער הימל געלויכטן! די העברעאישע שפּראַך בינדט אונז צוזאַמען מיט די, וואָס האָבן פּיראַמידן געבויט, מיט די, וואָס האָבן זייער בלוט אויף ירושלימס מויערן פאַרגאָסן, ווי אויך מיט די, וואָס האָבן אויף דעם ברענענדיקן פייער „שמע ישראל״ געשריגן״.

בייצוקומען, אָן וועלכע עס איז תּרוצים, אַלע מניעות, וואָס שטייען אין וועג דער פאַרווירקלעכונג פון ד ע ם אידעאַל, וואָס זשיטלאָווסקי און פּרץ האָבן אָוועקגעשטעלט פאַר יעדן יידן, נעמלעך, צו קאָנען לייענען די הייליקע שריפטן אינם אָריגינאַל — דאָס דאַרף ווערן די אויפגאַבע פון יעדן מיטגליד פון בונד. די יידישע שפּראַך קאָן נישט זיין נאַציאָנאַל, קאָן נישט זיין רעליגיעז, און דעריבער אויך נישט מענטשלעך און נישט קולטור־פּאָלוּערטיק אָן דער פאַרווירקלעכונג פון דאָזיקן אידעאַל.

און נישט אָפּשטעלן, חלילה, דאַרף מען זיך ביים דאָזיקן אידעאַל. חלומען, טראַכטן און טאַקע אַרבעטן דאַרף מען פאַר ווידער־אויפלעבן פאַרן ראַדיקאַלן דור די אַלע אַנדערע אוצרות, וואָס זענען אין באַזיץ פון דער קאָנסערוואַטיווער יידישער וועלט. די קומענדיקע ראַדיקאַלע דורות זאָל און דאַרף ווערן אייגן דער תּלמוד און די מדרשים, די חקירה־ספרים און די מוסר־ספרים, די קבלה און חסידות. ווי אַ תּנאַי אויף צו ווערן דער בעסטער און העכסט־אַנטוויקלטער מענטש, האָט סאָקראַטעס אָוועקגעשטעלט די דערקענטעניש פון זיך גופא מצד יעדן איינציקן מענטשן. ווי אַ צווייטער תּנאַי פאַר דער דערגרייכונג פון דאָס העכסטע און בעסטע אין מענטשן, געזעלשאַפט און פאָלק, וואָלט, גלויב איך, געדאַרפט אָוועקגעשטעלט ווערן דאָס וויסן, דאָס דערקענען, דאָס דורכגענומען ווערן ביז צו אַלע טיפעניש מיט דעם גייסט און מיט דער קולטור פון אייגענעם פאָלק. דאָס שטודירן דעם גייסט

און די קולטור פון אַנדערע פעלקער דאַרף דערפילט ווערן ווי אַ מיטל צום ציל פון דערקענען דעם גייסט און די קולטור־טיפעניש פון אייגענעם פאָלק און דורך זיי — פון דער גאַנצער מענטשהייט. אונזערע קינדער טאָרן מער נישט באַרויבט ווערן פון די אוצרות, צו וועלכע אַזויפיל פון אונז, ראַדיקאַלן, זענען נישט צוגעלאָזן געוואָרן צוליב דעם פאַלשן בליק מצד די אַזויגערופענע פרייַדענקער סיי אויף דעם קאָנסערוואַטיזם, סיי אויף דעם ראַדיקאַליזם.

דער פאַרמעסט אָבער אויף די גאָר הויכע און דערהויבענע אידעאַלן, וואָס פאָדערן גרויסע קרבנות אויף אַריינברענגען זיי אין לעבן צווישן דעם רוב מנין און רוב בנין פונם יידישן פאָלק, טאָר בשום־אופן נישט פירן צו דעם, אַז עס זאָל פון אויג און געדאַנק אַרויסגעלאָזן ווערן דאָס, וואָס קאָן פאַרווירקלעכט ווערן אויף אַ גרינגערן אופן און מיט אַ סך ווייניקער מסירת־נפש.

לאָמיר אָנהויבן קודם־כל מיט דעם, וואָס יעדעס קינד אונזערס זאָל קאָנען לייענען און פאַרשטיין די אַלע תפילות, וועלכע זענען פול מיט פאָעטישער שיינקייט, פילאָזאָפישער טיפקייט און רעליגיעזער דערהויבנקייט און געלייטערטקייט און וואָס אין זיי האָבן יידן פאַר הונדערטער יאָרן ביחידות און בציבור אויסגעגאָסן פאַר דעם האַר פון דער וועלט דעם צער און צאָרן און די פרייד פון גליקזעליקייט, וואָס האָבן אָנגעפילט און דורכגענומען זייערע הערצער און נשמות. דאָס זענען געווען אויסגוסן, וואָס האָבן פאַרטיפט זייער גייסט און געשטאַרקט זייער מוט און ווילן נאָכצופאָלגן אַפילו פנים אל פנים מיט טויט דעם אינערלעכן געבאָט און נישט דעם אויסערלעכן צוואַנגס־באַפעל. און זאָלן די טאַטעס, וועלכע האָבן נאָך נישט פאַרגעסן דאַוונען און קאָנען נאָך פירוש המילות, נישט וואַרטן און זיך נישט פאַרלאָזן אויף די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן, נאָר אַליין טאַקע אָנהויבן איבערגעבן די קינדער זייערע קענטעניש אין יידיש און יידישקייט. זאָלן די טאַטעס דערזען און באַנעמען, אַז גאָר אַ סך זייטלעך און שורות אין די שאַפונגען פון די יידישע שרייבער קאָנען נישט דערפילט און פאַרשטאַנען ווערן פון די יעניקע קינדער, וואָס האָבן שוין אַפילו גראַדואירט אונזערע ראַדיקאַלע שולן, און דאָס איז פשוט דערפאַר, וואָס די דאָזיקע קינדער איז פרעמד דער גאַנצער רעליגיעזער לעבנס־שטייגער מיט זיין נשמה־ און גייסט־פאַרכאַפנדיקער הייליקייט פון טעג, פער־

זאָגען און ערטער, וועלכע זענען געווען און וועלן זיין אַלע מאָל דאָס בלוט און פלייש, ביין און מאַרך פון די טיפסטע שאַפונגען אין דער יידישער ליטעראַטור. פרעמד זענען זיי די ווערטער און נאָך מער פרעמד איז זיי דער גייסט פון דעם אַלעמען, ווייל אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו רעליגיע און רעליגיאָזיטעט, אַלץ, וואָס רירט אָן דעם אָנבונד פון מענטש אָן גאָט, איז דאָך צוליב די קרומע וועגן, אויף וועלכע מען האָט אונז געצוואונגען צו טרעטן, באַטראַכט געוואָרן פאַר טריף־פסול, פאַר רעאַקציאָנער, נישט וויסנ־שאַפטלעך און נישט פּראָגרעסיוו. אויף אַזאַ אופן איז צו דער עקאָ־נאָמישער אָרעמקייט פון די, וואָס זענגלען אונטער דער פאָן פון ראַדיקאַליזם, צוגעקומען אויך די אָרעמקייט פון גייסט און פלאַכ־קייט פון נשמה. מיט דעם פאַלשן בליק אויף די שייכותן צווישן מענטש און גאָט, גוף און נשמה, מאַטעריע און גייסט, צייט און אייביקייט, קעגנוואַרט און פאַרגאַנגענהייט — האָבן קיינע פון די ראַדיקאַלע שולן נישט געקאָנט אַריינגעבן אַ גייסטיקן אָטעם און אַ לעבן פון גייסט אין די קינדער, וועלכע זיי האָבן געלערנט און דערצויגן. מיט די דאָזיקע קינדער, — ווי מיין קאָנטאַקט מיט זיי אין די לעצטע יאָרן האָט מיר באַוויזן, — איז ווי מיט דער ערד אין אָנהויב פון באַשאַף: וויסט און ליידיק און פינסטערניש אויפן געזיכט פון די תהומען פון זייערע נשמות. און נישט בעסער איז איינגנטלעך מיט אונז אליין — אפילו מיט די בעסטע פון אונז, — זייערע עלטערן־ראַדיקאַלן. זייער אָפט דערזע איך לעצטנס אונז ראַ־דיקאַלן — אפילו די דענקער און דיכטער אונזערע און גרויסע שאַפער אין אַלגעמיין — אין אַ ליכט, וואָס דערמאָנט מיר די ביינער פון טאָל, אין וועלכן גאָטס האַנט האָט אַראָפּגעלאָזט דעם נביא יחזקאל:

די האַנט פון גאָט איז געווען אויף מיר,
און ער האָט מיך אַרויסגעטראָגן מיט דעם גייסט פון גאָט
און האָט מיך אַראָפּגעלאָזט אין מיטן פון דעם טאָל,
און ער איז געווען פול מיט ביינער.
און ער האָט מיך פאַרבייגעפירט פאַרביי זיי רונד אַרום,
ערשט זיי זענען געווען זייער פיל איבערן טאָל,
און פאַרוואָר, זיי זענען געווען זייער פאַרטריקנט.

קענען מיר — ראדיקאלע טאטעס, מאמעס און אונזערע קינ־דער, לעבעדיק ווערן?

לאמיר נאר באמת שטארק דערפילן און דערזען די קרומקייט פון די וועגן, אויף וועלכע מיר זענען געגאנגען ביז איצט, לאמיר נאר אפנהארציק זאגן זיך און אונזערע קינדער און צו אלע, וואס ווילן נאר הערן: יא, מיר האבן געבלאנדזשעט. מיר האבן גאר א סך פאלשקייטן אנגענומען פאר אמתן, וואס טארן גארנישט, ווי מיר האבן געגלויבט, אפגעפרעגט ווערן. מיר האבן זיך געבוקט צו אפגעטער, מיינענדיק, אז דאס זענען געטער, און אומפעאיק זע־נען מיר אליין געווארן און אומפעאיק געמאכט אונזערע קינדער צו פארנעמען גאטס ווארט.

לאמיר נאר אליין איצט דערזען אין אן אנדער ליכט די וויסנ־שאפט, דעם פראגרעס, די וועלטלעכקייט, די קולטור און די ציי־וויליזאציע, לאמיר נאר אנדערש אויפנעמען די ווייטסטע פארגאנ־גענהייט פון דער גאנצער מענטשהייט אין אלגעמיין און פון אונזער פאלק באזונדערס; לאמיר נאר אנכאפן און מער נישט אפלאזן די גאלדענע קייט, וואס ציט זיך פון אייביקייט ביז אייביקייט און קניפט אן אלע צייט־אויסשניטן איינע אין די אנדערע; לאמיר אין אונזערע היימען שוין פון היינט אן שאפן פאר זיך און די קינדער אן איינגארטיקע רעליגיעז־ראדיקאלע און ראדיקאל־רעליגיעזע אט־מאספער, — אן אטמאספער, וואס זאל זיין גינסטיק פאר דעם אנ־שלאג און דורכשלאג פון גאטס ווארט, וואס זאל אויך פארשטאנען ווערן — ווי די נביאים האבן עס פארשטאנען — ווי דאס ווארט פון דער העכסטער גערעכטיקייט. מיטן אויפלעב פון דאזיקן ווארט אין אונז און אין אונזערע קינדער, וועלן מיר און זיי לעבעדיק ווערן, און לעבעדיק וועלן ווערן די לערער, און א נייע לעבן וועט אריינגעבראכט ווערן אין אלע ראדיקאלע שולן מיט נייע בליקן און גאנץ אנדערע צוגאנגען צו גאט, נשמה און גייסט, צו אייביקייט און צום ווייטסטן אמאל אין דעם עבר ווי אין דעם עתיד. און אונ־זערע דיכטער, וואס וועלן קומען נאך לייוויקן, און ווער ווייס, אפשר נאך לייוויק אליין, וועלן שאפן חנינהס, וואס וועלן געבן נישט קיין האלבן, נאר א גאנצן ענטפער אויף דער פראגע: ווער איז גוזר?

„ווער איז גוזר?" — פרעגט דבורה חנינהן, און ער ענטפערט

„אחריות‟. „און ווער נאָך?‟ — פרעגט זי ווייטער און ער ענט־פערט: „ליבשאַפט‟.

נישט אחריות אָבער און נישט ליבשאַפט קאָנען זיין — אין די ווערטער פון שפּינאָזאַ — אין זיך גופא, און נישט זיי קאָנען דורך זיך גופא באַגריפן ווערן. זיי קאָנען זיין בלויז אַטריבוטן פון דעם, וואָס איז אין זיך גופא און קאָן דורך זיך גופא באַגריפן ווערן, אַטריבוטן פון דעם, וואָס פון אים זענען מיר אַליין, און אַלץ אין אונז — פועל־יוצאס, אַטריבוטן פון גאָט. ער און נאָר ער קאָן גוזר זיין. דאָס אחריות־געפיל אין אונז, דאָס ליבשאַפט־געפיל אין אונז זענען אָפּקלאַנגען פון זיין גזר. דאָס פילן און דאָס באַנעמען גאָטס פאַראַנענקייט קומט צום העכסטן און בעסטן אויסדרוק דורך די גע־פילן פון אחריות און ליבשאַפט און די מעשים, צו וועלכע זיי פירן. אָן פילן און באַנעמען דעם וועלט־גייסט, ווי דעם מקור פון אַלץ, ווערן גאָר גיך אויסגעוועפּט די געפילן פון אחריות פאַר מענטש און פון ליבשאַפט צו מענטש. קליין און נישטיק ווערט דער עטישער שוווּנג און אָנגעפילט ווערן די נשמות מיט וויסטעניש און פינ־סטערניש. אָט דאָס האָט דער ראַדיקאַליזם ביז איצט נישט איינ־געזען. דער קאָנסערוואַטיזם ווידער מיט זיין אָרגאַניזירטער אָדער אינסטיטוציאָנעלער רעליגיע האָט געזינדיקט מיט דעם, וואָס ער האָט געשטעלט דעם טראָפּ אויף פאָרם, אָנשטאָט אויף אינהאַלט, און אַזוי־אַרום איז מעגלעך געוואָרן מיט גאָטס נאָמען אויף די ליפּן צו טראָגן אין זיך פאַרדאַרבענע געפילן און באַגיין אוממאָראַ־לישע מעשים, דעריבער איז די רעליגיאָזיטעט אויסגערונען פון דער רעליגיע. זי איז געוואָרן אַ רעליגיע פון כהנים אָנשטאָט פון נביאים.

צוריק צו גאָט, אָבער נאָר אויף די וועגן פון די נביאים; צו־ריק צו גאָט, אָבער נאָר אויף דעם וועג פון פולסטער מאָראַלישער אחריות פאַר מענטש, פאָלק און מענטשהייט, און פון פולסטער מאָראַלישער און עסטעטישער ליבע צו וועלט און מענטש, — אָט צו וואָס עס מוז שטרעבן דער רעליגיעזער ראַדיקאַליזם.

ג.

פונדאַסניי דאַרפן מיר, ראַדיקאַלן, איינקריצן אין אונזער זכרון און אין דעם זכרון פון אונזערע קינדער די פאָלגנדיקע ווערטער פון יצחק לייבוש פרץ:

„די אידעע, אַז עס איז פאַראַן עפּעס העכערס, פאַר וועלכן אַ מענטש דאַרף זיך אַמאָל אָפּשטעלן, אויף די קני פאַלן און זאָגן: איך האָב געזינדיקט, און וועל נישט מער, איך נעם דעם וועג שטייענדיק צו דיר... די אידעע איז נישט קאָנסערוואַטיוו, נישט קעגן פּראָגרעס און נישט קעגן דעם אַלעם, צו וועלכן איר שטרעבט". „...קוקט אַריין, בלעטערט דורך דאָס תנ"ך און זעט, צי עס איז דאָ ערגעץ אַ געבאָט איר זאָלט הונגערן? צי האָט גאָט ערגעץ אָנגעזאָגט, אַז מענטש זאָל פירן פאַר קעלט? און קומט צום נביא און הערט זיינע רייד! צי שטימען זיי נישט מיט אייערע געוואַלטיקע האָפנונגען, באַדייטנדסטע און ווייטסטע חלומות? אויפסניי מוז אויפלעבן אַ יידיש לעבן".

„אויפגעהויבן מוז ווערן די פאָן פון יידישן רענעסאַנס, פון משיח, און וועלט־משפט און וועלט־באַפרייאונג, פון דער קינפטיקער פרייער מענטשהייט!

„דאָס איז די מיסיע פון אייביקן פאָלק, פון וועלט־פאָלק, דאָס מוז געבן דאָס יידישע לעבן, דאָס יידישע הויז, די יידישע שול, דאָס יידישע בוך, און אַלץ, וואָס יידיש איז".

אַלזאָ, עס מוז ווידער אויפלעבן דאָס אַלץ פון אַלט־יידישן לעבנס־שטייגער, לעבנס־פאַרטיפונג און לעבנס־דערבליקונג, וואָס האָט אַן אייביקן זין און ווערט און וואָס קאָן נישט אָפּגעפרעגט ווערן פון שכל און לאָגיק. גאָר אַ סך פון דעם, וואָס האָט זין און ווערט איז איבער דעם שכל און דער לאָגיק. דאָס לעבן גופא איז אייגנטלעך צווישן די קאַטעגאָריעס, וואָס שטייגן אַריבער סיי דעם שכל, סיי די לאָגיק. און דעריבער מוז און זאָל אַלדאָס ווערטפולס אין דעם אַמאָל פון פאָלק ווידער אויפלעבן נישט נאָר, ווי זשיטלאָווסקי דענקט, אויף אַ נאַציאָנאַל־פּאָעטישן אופן, נאָר אויך און טאַקע דער עיקר אויף אַ נאַציאָנאַל־רעליגיעזן אופן.

ווי דער שיפס־קאַפּיטאַן איז נישט ביכלת צו שאַפן דאָס וואַסער, אָן וועלכן די בעסטע שיף קאָן זיך נישט רירן פון אָרט, אַזוי

האָט דער שׂכל און די לאָגיק נאָך קיינמאָל נישט געשאַפן און וועט נישט שאַפן וועלכע עס איז געפילן, סיי די העכסטע, סיי די נידע־ריקסטע; און מען ווי זיגזאַגיש זיך שלענגלען די וועגן פון מענטשלעכער אַנטוויקלונג און מעגן ווי טיף און גרונטיק זיין די רעוואָלוציעס אויף אַלע פעלדער און געביטן פון מענטשלעכער קול־טור און מענטשלעכן אינאיינעמלעבן, וועט סוף־כּל־סוף אַרויס־שווימען דער רעליגיאָזיטעטס־געפיל ווי די אָנרעגנדיקסטע און באַ־וועגנדיקסטע קראַפט אינם מענטשלעכן לעבן. און אין דעם לעבן פון פאָלק און געזעלשאַפט זענען די לעבנס־שטייגערס און לעבנס־פאָרמען דער אויסדרוק פון די טיפסטע, דויערהאַפטסטע און ווירק־זאַמסטע געפילן, און צוריק ווידער אויך דער וויכטיקסטער פאַקטאָר און די שטאַרקסטע קראַפט פאַר דעם אָנהאַלט און אַנטוויקלונג פון געפילן בכלל און פון דעם רעליגיאָזיטעט־געפיל בפרט.

„מיר קענען״ — שרייבט זשיטלאָווסקי — „טאָן אַלץ, אפילו טרויערן אין תּשעה באָב, פאַסטן אין יום־כּפּור, אָנצינדן ליכט לכּבוד שבּת און נאָך „ערגערע״ זאַכן, אויב מיר געפינען אין זיי נאַציאָנאַל־פּאָעטישן אינהאַלט, אַ מענטשלעכן געדאַנק, פאַר וועמענס שׂכל און יושר מיר האָבן זיך נישט וואָס צו שעמען... די יידישע רעליגיע גיט אונז אַמאָל אין די הענט אַ פּאָעטישן ווונק, וואָס מען קאָן אים אויסנוצן און קינסטלעריש ווייטער אויסאַרבעטן אַזוי, אַז דאָס יידישע לעבן זאָל אין זיינע שבתים און יום־טובים באמת פאַנאַנדערבליען אין אַ נייער, רייכער קינסטלערישער פּראַכט.

לאָמיר־זשע, ראַדיקאַלן, טאָן, וואָס מיר האָבן ביז איצט נישט געטאָן. פאַר תּשובה טאָן איז קיינמאָל נישט צו־שפּעט, די צייט איז אַלע מאָל פּאַסיק פאַר דעם, און דער בעל־תּשובה וועט אַלע מאָל פאַרנעמען אַן אָנגעזעען אָרט צווישן די צדיקים גמורים. לאָמיר איצט מיט די נויטיקע מאָדיפיקאַציעס אויפנעמען דעם רוף. לאָמיר ראַדיקאַליזירן, אַזויצוזאָגן, דעם ראַדיקאַליזם, וועלכער איז געוואָרן שרעקלעך קאָנסערוואַטיוו. לאָמיר אַריינבלאָזן אין אים אַ לעבנס־אָטעם, לאָזן דורך פאַרשידענע קאַנאַלן אַריינשטראָמען אין אים פריש קוואַליק וואַסער, וואָס זאָל רייניקן דעם שימל, פאַ־נאַנדערטרייסלען די סטאַגנאַציע און אַ סוף מאַכן צו דער זומפּי־קייט. זאָל רעליגיאָזיטעט אין איר טיפסטן, שענסטן און דער־

הויבנסטן זין און אייביקסטן און אומענדלעכסטן ווערט זיין אַט דער דאָזיקער רוח החיים.

לאָמיר אין דער דאָזיקער אייביק־אַלטער און אייביק־נייער רעליגיאָזיטעט אַריינגעבן אַזוי פיל פּאָעזיע, עסטעטיק און קינסט־לערישקייט, וויפיל עס לאָזט זיך נאָר און וויפיל עס פאַרמאָגט נאָר אונזער איצטיקע פאַנטאַזיע. לאָמיר דערביי אָבער פעסט האַלטן אין אונזער זכרון דעם פאַקט, אַז פּאָעזיע האָט קיינמאָל נישט פאַר־נומען און וועט קיינמאָל נישט פאַרנעמען דאָס אָרט פון רעליגיאָ־זיטעט. אַוועקצונעמען אין אונזער פאָרשטעלונג גאָט און געטלעכ־קייט פון רעליגיאָזיטעט און הייליקייט, און נאָך אַליץ רעדן וועגן זיי ווי וועגן ממשותדיקייטן, איז דאָס זעלביקע ווי אַוועקצונעמען אין אונזער כּח־הדמיון נשמה פון גוף און נאָך אַליץ רעדן וועגן אַ לע־בעדיק מענטשלעך וועזן. רעליגיאָזיטעט און רעליגיעזער לעבנס־שטייגער דאַרפן זיך האָבן איינער די אַנדערע, ווי עס דאַרפן זיך איינע די אַנדערע נשמה און גוף אין דעם לעבעדיקן מענטשלעכן וועזן.

מיר מוזן לייטערן די יידישע הייליקטימער און פונדאַסניי,— מעג עס אפילו לכתחילה אָנקומען אונז זייער שווער — אויסלער־נען זיך און אונזערע קינדער אין די היימען און אין די קינדער־שולן הייליק צו האַלטן אַליץ, וואָס איז ווערט הייליק געהאַלטן צו ווערן און אַליץ, וואָס קאָן צוליב דער הייליקייט פאַרטיפן און פאַר־פיינערן עטיש און עסטעטיש די נשמה און גוף פון קינד און דער־וואַקסענעם. אַ גוטע סגולה אויף צו לייכטערן די לכתחילהדיקע שוועריקייטן ביים באַנייען די אַלטע לעבנס־שטייגערס, איז זיך צו דערמאָנען, ווי שווער עס איז אָנגעקומען די אפּיקורסות אין די ערשטע צייטן: ווי מיר האָבן זיך, למשל, געוואָרגן מיטן ערשטן ביסן אין יום־כּפּור און זיך געשטיקט מיטן ערשטן שבת־קודשדיקן סיגאַרעטל. הגם מיר האָבן מיט אונזער גדאַנק באַטראַכט פאַר אַ גרויסע מצוה און פאַר אַ גרויסן אויפטו סיי דאָס עסן, ווען יידן פאַסטן, סיי דאָס רויכערן, ווען יידן רויכערן נישט.

דאָס היטן און נישט נאָר דאָס געדענקען די הייליקע טעג, דאָס אָנשטרענגען זיך אויף אַריינצוברענגען וואָס מער כּונה אין די אַרי־בערגעקומענע און אין די ניי־געשאַפענע פאָרמען און שטייגערס פון פייערן יעדן יום־טוב כּהלכתו, וועט פירן צו אַ פאַרטיפונג און פאַר־

פיינערונג פון די שייכותן צווישן מענטש און גאָט און דורך דעם אויך צווישן מענטש און מענטש. יעדעס אָרט, ווו נאָר מיר וועלן זיך איינזאמלען צו געדענקען און צו היטן די אַלטע רעליגיעזע לעבנס־שטייגערס און צו שאַפן נייע, — יעדעס אָרט אַזעלכעס וועט זיין אַ מקום־קדוש. און מיר, ראַדיקאַלן, זאָלן אַלע מאָל שטרעבן אַרויסצוקומען פון אונזערע הייליקע פּלעצער נישט נאָר רעליגיעז־דערהויבן, נאָר אויך עטיש־געלייטערט מיט די העכסטע אידעאַלן פון דער סאָציאַלער עטיק, וואָס נאָר אויף איר ווי אויף אַ פונדאַמענט קאָן טורמען אין די הימלען אַריין די עטיק פון יחיד. און פאַר דער אַנטוויקלונג סיי פון דער סאָציאַלער, סיי פון דער יחידישער עטיק, איז נישט געווען און עס וועט נישט זיין קיין טיפערע רעגונג און קיין שטאַרקערע קראַפט, ווי די רעגונג און קראַפט פון רעליגיאָזיטעט. וואָס נאָך קאָן אַזוי אַנטוויקלען די פּערזענלעכקייט אין מענטשן, אין זיין יחידישער און סאָציאַלער געשטאַלט, וואָס נאָך קאָן אַזוי פאַרשטאַרקן זיין אומאָפּהענגיקייט, זיין שטייגן איבער אַלע קליינלעכקייטן און נישטיקייטן, ווי דאָס אַריינברענגען אים אין דער שטימונג און אין דעם געפיל־צושטאַנד פון זיין ביכלת צו דערקענען ביז צו אַלע זיינע טיפענישן דעם זין פון שויתי ה׳ לנגדי תמיד — איך האַלט גאָט שטענדיק פאַר מיינע אויגן — און פון דעם „כי אם בתורת ה׳ חפצו ובתורתו יהגה יומם ולילה״ — ווייל גאָטס תורה איז זיין באַגער און פאַרטאָן איז ער אין זיין תורה טאָג און נאַכט. דער ערשטער זאַץ באַטייט ריינע רעליגיאָזיטעט אין איר שענסטן און טיפסטן זין. ער איז אייגנטלעך דער קווינט־עסענץ פון דער גאַנצער רעליגיאָזיטעט. דער צווייטער זאַץ באַטייט די קעגנזייטיקע אָפּהענגיקייט, קעגנזייטיקע דערפרישונג און באַווירקונג פון רעליגיאָזיטעט און עטיק, אָדער פון רעליגיאָזיטעט און קולטור אין אַלגעמיין. תורה איז אייגנטלעך נישט נאָר עטיק, נאָר אויך עסטעטיק און אויך מעטאַפיזיק און דערפאַר — קולטור אין ברייטסטן און טיפסטן זין פון וואָרט.

ד.

אָנערקענען, אַז אַלע צווייגן פון קולטור זענען אָפּהענגיק פון דעם צווייג — רעליגיאָזיטעט, — איז דער וויכטיקסטער אַני־מאמין

פֿון קולטור־בונד, אויף וויפֿיל ער איז נישט נאָר אַ רעליגיעזער, נאָר אויך אַ ראַדיקאַלער קולטור־בונד. אַלס אַזעלכער באַצוועקט ער איינצוואָרצלען בײַ אַלעמען די דערקענטעניש: ערשטנס, אַז רעליגיאָזיטעט אין איר טיפֿסטן און שענסטן אויסדרוק איז אַ קאָנדיציאָ סינע קוואַ — אַן עפּעס, אָן וועלכן עס איז לחלוטין נישט מעגלעך דער קיום און אַנטוויקלונג פֿון וועלכן עס איז אַנדער אויסדרוק פֿון קולטור. און היות, ווי די אַנטוויקלונג פֿון מענטשן איז נישט שייך אָן דער אַנטוויקלונג פֿון קולטור, ווערט שוין ממילא אַזוי אַרום רעליגיאָזיטעט דער אַבסאָלוטער תּנאַי פֿאַר דעם קיום און דער אַנטוויקלונג פֿון מענטש און מענטשלעכקייט; און צווייטנס, אַז רעליגיאָזיטעט קאָן נישט ווערן טיף און שיין אין אויסדרוק, קאָן נישט באַווירקן און באַאײַנפֿלוסן צום שענסטן און בעסטן אָן דער אָנשטרענגונג צו טרײַבן וואָס טיפֿער און העכער די אַנטוויקלונג פֿון אַלע קולטור־אויסדרוקן און מער פֿון אַלץ דעם עטישן אויסדרוק — ווײַל זײַן אַנטוויקלונג זעט אויס צו זײַן צוליב אומדערקענבאַרע טעמים די שווערסטע און זעלטנסטע.

נויטיק ווי אין לעבן איז איצט אויף דער יידיש־ראַדיקאַלער גאַס אַ קולטור־בונד, וואָס זאָל אַרײַנברענגען אין אונזערע הערצער און מוחות דעם סינטעז צווישן רעליגיאָזיטעט און ראַדיקאַליזם דורך דעם, וואָס ער זאָל אויף דער רעליגיעזער זייט אָננעמען די אויבן־אויסגערעכנטע אַני־מאַמינס, וועלכע וועלן מיט דער צײַט נאַטירלעך מאָדיפֿיצירט ווערן און אין צאָל פֿאַרגרעסערט ווערן, און אויף דער ראַדיקאַלער זייט זאָל ער זיך דערקלערן טריי די פֿאָלגנדיקע אַני־מאַמינס, וועלכע ווערן אָנגעגעבן דאָ ווי אַן אומרים פֿאַר זייער ווייטערדיקער אויסברייטערונג און פֿאַרטיפֿונג.

דאָס ערשטע און וויכטיקסטע פֿאַרן דאָזיקן בונד איז צו גלויבן און צו אַרבעטן פֿאַר דעם, אַז די גאַנצע קראַפֿט פֿון דער רעליגיאָזיטעט זאָל פֿון יעדן איינציקן ראַדיקאַל אַוועקגעשטעלט ווערן אין דינסט פֿון איבעראַנדערשן דעם סאָציאַלן סדר אַזוי, אַז יעדער מיטגליד זאָל האָבן אַ גלייכן חלק אין דער עקאָנאָמישער באַלעבאַטישקייט פֿון דער געזעלשאַפֿט. און ווי איינער, וואָס אַרבעט צוגלייך מיט אַלע מיטגלידער פֿאַר דעם געזעלשאַפֿטלעכן גוטס, זאָל ער האָבן די פֿולסטע פֿרייהייט צו זאָגן אַ דעה און אויס־

צודריקן זיין מיינונג אין דעם סאָציאַלן און עקאָנאָמישן אָנפיר פון דער געזעלשאַפט.

די טיפסטע רעליגיאָזיטעט, ווי זי איז פאַרשטאַנען געוואָרן פון די נביאים, דאַרף ווערן דער פונדאַמענט פון דאָזיקן בונד. זי, די דאָזיקע רעליגיאָזיטעט, פאָדערט, אַז דער אידעאַל פון קולטור־בונד זאָל ווערן אַן עדה מענטשן, וואָס זאָלן זיך אַליין און זייערע קינ־דער, דורך פאַרשידענע באַמיאונגען און אָפּפּערווייליקייטן אין דער היים, אין שול און אין גאַס, אָנהויבן צוגעווינען צו פירן אַזאַ לעבן, ווי מיר ווילן און ווי מיר שטעלן זיך פאָר נאָכן סאָציאַלן איבערקער, ווען עס וועט געגרינדעט ווערן אַ געזעלשאַפט אויף מער גערעכטע יסודות.

עס איז אונזער הויפּט שוין איצט צוצוטרעטן צו דער אַרבעט פון אַנטוויקלען אין אונז אַליין און אין די קינדער אַ טיפן האַס צו לעבן פון דעם, וואָס אַנדערע אַרבעטן פאַר אונז, און אַ ליבע צו אַ לעבן פון אייגענער אַרבעט. אויב מיר אַליין זענען, חס־ושלום, פון די געשטראָפטע, זאָלן מיר זיך נישט שעמען צו האַסן זיך אַליין און אַרויסווייזן אויף שריט און טריט די קינדער אונזער פאַרדרוס אויף אַלץ, וואָס האָט אונז אַריינגעוואָרפן אין דער קאַ־טעגאָריע פון עקספּלואַטאַטאָרס. און אויב עס איז נישט פאַר אונ־זערע כּחות די מסירת־נפש, וואָס דער אינדיווידועלער לעבנס־איבערבראָך פאָדערט, זאָלן מיר כאָטש נישט זשאַלעווען קיין כּחות אויף אַן אָפּנהאַרציקן אופן צו פאַרהיטן אונזערע קינדער פון אַריינצופאַלן אין דער נעץ פון עקספּלואַטאַטאָרישקייט. און וואָס מער גייסטיקן כּח איינער וועט אַרויסווייזן נישט נאָר אויף צו פאַר־היטן די קינדער, נאָר אויך זיך גופא צו באַפרייען פון דער דאָזיקער נעץ, אַלץ מער געבענטשט וועט ער זיין און אַלץ מער וועט וואַקסן די חשיבות פון זיין אָנגעשלאָסנקייט אין קולטור־בונד. און ס'איז נישט אויסגעשלאָסן די מעגלעכקייט, אַז מיטגלידערשאַפט אין אַזאַ קולטור־בונד זאָל ווערן אַ קוואַל פון אָנרעגונג און מוט פאַר באַ־פרייאונג פון געוויסע נעצן פון נישט גאָר דערהויבענער מאָראַליש־קייט און נישט גאָר טיפער רעליגיאָזיטעט.

זאָל אונטער אַרבעט אָנהויבן פאַרשטאַנען ווערן אַלץ מער און מער פיזישע אַרבעט, נישט דערפאַר, וואָס אין פיזישער אַרבעט, אין דער אַרבעט, וואָס פאָדערט הויפּטזעכלעך מוסקול־ענערגיע, איז

פאראן עפעס העכערס און ווירדיקערס ווי אין אנדערע ארבעטן, נאר פשוט דערפאר, וואס פיזישע ארבעט, טאקע צוליב איר מעכא־נישקייט און נישט אינטערעסאנטקייט, איז די איינציקע ארבעט, וואס ווען יעדער איינער אין דער געזעלשאפט אן אויסנאם וועט זי טאן א געוויסע צאל שעהן אין טאג, וועט קאנען צושטאנדקומען אט די גלייכהייט, וועלכע עס פאדערט די אין רעליגיאזיטעט איינ־געוויקלטע עטיק און די מיט עטיק דורכגענומענע רעליגיאזיטעט. זאל ארבעט בכלל און פיזישע בפרט שוין אנהויבן גלאריפיצירט ווערן אין אונזערע היימען און אין די שולן זאל דער שטעמפל פון דערהויבנקייט געלייגט ווערן אויף קינד און קייט, פרוי און מאן, ווענען העגט זענען טרענירט צו ארבעטן אויף פעלד און גארטן, אין וואלד און פאבריק. זאל מוסקול־ארבעט געקרוינט און גע־הייליקט ווערן צוגלייך מיט קרוינונג און הייליקונג פון תורה לשמה.

לאמיר פונדאסניי אנהויבן איינפלאנצן אין זיך און אין אונ־זערע קינדער דעם אלטן געבאט פון נישט צו מאכן פון דער תורה קיין קרדום לחפור בה — א מיטל אויף צו פארדינען אויף לעבן. יעדער איינער, וואס קומט אויף דער וועלט מיט א בארוף — א בא־רוף צו ווירקן און צו באאיינפלוסן די נשמה און דעם גייסט פון מענטש, פאלק און מענטשהייט — זאל דעם דאזיקן בארוף היי־ליק האלטן און לגמרי אים אפשיידן פון אלץ, וואס האט צו טאן מיט פרנסה און וואס ווארפט אריין דעם בארופענעם אין גייסטי־קער שקלאפעריי, פארשוועכט די הייליקייט פון בארוף.

לאמיר אויך אט שוין אנהויבן מערן אונזערע אנשטרענגונ־גען און באמיאונגען אויף נישט לאזן זיך און די קינדער פירן א לעבן פון רייכקייט און לוקסוס. א לעבן, וואס גייט, אזויצוזאגן, הארט ביי דער ערד עקאנאמיש, זאל ווערן א נויטווענדיקער באדינג פאר יעדן איינעם, וואס וויל ווערן א ווירקנדיקע קראפט אין פרא־צעס פון פארוואנדלען די איצטיקע געזעלשאפט אין א געזעלשאפט פון סאציאלער און עקאנאמישער גלייכהייט. אלס תנאי צו זיין אן אנפירער און טאן־געבער אין פארשטייענדיקן סאציאלן איבער־קער, זאל באטראכט ווערן דאס באפרייען זיך פון קאפיטאל און פון הכנסה־אריינברענגענדיקן אייגנטום. דאס אלץ דארף געטאן ווערן צוליב דעם, אז עס זאל וואס מער פארקלענערט ווערן דער נסיון פון נישט איינשטעלן זיך ביז גאר פאר איבערבייטן די איצ־

טיקע אָרדענונג. צוויי זאַכן זענען וויכטיק אויף צו ווערן אַ ווירקנ־דיקע קראַפט אין דעם גאַנג צו אַ נייער סאָציאַלער אָרדענונג: ערשטנס, דאָס באַוווּסטזיין, אַז אַזאַ איבערקער איז גייסטיק נויטיק און דרינגנד. אָן דאָזיקן באַוווּסטזיין וועלן די גרעסטע סאָציאַלע לײדן און שווערסטע אָרעמקייט נישט פירן צו קיין נייער און זיכער נישט צו קיין בעסערער און העכערער אָרדענונג. ווו עס פעלט אַזאַ באַוווּסטזיין, מעג די עקאָנאָמישע לאַגע זיין ווי שלעכט, וועט זי נישט פירן נישט צום בעסערן און נישט צום העכערן. צווייטנס איז נויטיק, אַז וואָס מער מענטשן מיטן דראַנג צו אַ נייער און בע־סערער אָרדענונג, זאָלן אויך האָבן וואָס ווייניקער צו פאַרלירן עקאָ־נאָמיש און סאָציאַל פון איינשטעלן אַ נייעם געזעלשאַפטלעכן סדר. צו דעם אַלעם דאַרף נאָך אויך גענומען ווערן אין באַטראַכט, אַז דאָס באַוווּסטזיניקע און פרייווויליקע אָפּזאָגן זיך פון מאַטעריעלע גיטער און דאָס רעדוצירן דעם עקאָנאָמישן ווילזיין ביז צו אַ פיזיש־גייסטיקן מינימום, איז בכלל אַן אויסגעצייכנטער מיטל אויף צו שטאַרקן דעם גייסט, אויף צו פאַרטיפן די רעליגיאָזיטעט אין זיך גופא, אין אונזערע קינדער און אין אַלע, מיט וועלכע מיר קומען אין באַריר, — אַן עכט־ווירקזאַמער מיטל אויף צו דער־נענטערן זיך און אַנדערע צו גאָט.

פאַר די מיטגלידער פון קולטור־בונד דאַרף אָבער אויך זיין קלאָר, אַז מיט דעם וואָס איינער, — צוליב זיין אומגעהויערער אָנ־שטרענגונג אָדער צוליב גינסטיקע, פון אים נישט אָפּהענגיקע אומ־שטענדן, — הויבט אָן פאַר זיך און זיינע אייגענע פירן אַ לעבן פון כל טוב אין עטישן, רעליגיעזן זין און אין אַלע אַנדערע זינען פון קולטור, איז ער נאָך אַליין נישט יוצא פאַר דעם העכסטן קולטור־טריבונאַל, ווייל די שענסטע און העכסטע אינדיווידועלע אויפפי־רונג באַפרייט נישט קיינעם פון אַ דירעקטער באַטייליקונג אין אַ טעטיקייט, וואָס זאָל פירן צו אַ שענערן און העכערן סאָציאַלן לעבנסשטייגער. די רעליגיאָזיטעט און עטיק פונם ראַדיקאַליזם פאָ־דערט פון יעדן איינעם, אַז ער זאָל זיך אויף אַ דירעקטן אופן באַ־טייליקן אין אַ שוין־באַשאַפענער באַוועגונג אָדער אַליין שאַפן אַ באַוועגונג, וואָס זאָל פירן צו אַ נייעם סאָציאַלן סדר.

באַוועגונגען פאַר דער רעאַליזירונג פון סאָציאַלע און נאַציאָ־נאַלע אידעאַלן זענען גוט און נויטיק פאַר דערוואַקסענע מענטשן —

פאַר מענטשן אין עלטער פון צוואַנציק, איין און צוואַנציק ביז צו זייער לעצטן אָטעם־צוג, — אָבער שלעכט און אומנויטיק זענען זיי, לויט מיין מיינונג, פאַר קינדער ביז זיי ווערן צוואַנציק אָדער איין און צוואַנציק יאָר אַלט. אַלע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע יוגנט־באַוועגונגען, וואָס באַצוועקן עפּעס אַנדערש, ווי אַלגעמיינע קולטור־און גייסט־אַנטוויקלונג, זענען, ווי איך בין דערין איבערצייגט, שעדלעך ביז גאָר, פאַר דער פאַרטיפונג פון גייסט און פאַר דער אַנטוויקלונג פון די פעאיקייטן פון דער יוגנט אויפצונעמען און דורכצונעמען צו ווערן מיט די טיפערע זינען און ווערטן פון קולטור. די באַטייליקונג אין אַזעלכע באַוועגונגען אַטראָפירט די זעלבשטענ־דיקייט פון דענקען און דעם פאַנאַנדערבלי פון דער פערזענלעכקייט.

די קינדער דאַרפן אויף דעם אָפנהאַרציקסטן אופן דערצויגן ווערן אין באַוווסטזיין פון דער גרויסער פליכט, וואָס ליגט אויף זיי, — אין דער פליכט אָנצושליסן זיך, — ווען זיי וועלן ווערן יונגע מענער און פרויען, — אין שוין געשאַפענע אָדער נייע באַ־וועגונגען פאַר דער רעאַליזירונג פון סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע אי־דעאַלן. ביז צו דער צייט, ווען זיי ווערן פיזיש און גייסטיק רייף פאַר אַקטיווע באַוועגונגען, דאַרף מען זען, אַז זיי זאָלן איינזאַפּן אין זיך די דאָזיקע אידעאַלן אויף אַן אומבאַוווסטן אופן אין דער אַטמאָספער, אין וועלכער זיי ווערן געבוירן און דערצויגן, און אויף אַ באַוווסטזיניקן אופן דורך לערנען, טראַכטן און איבערלעבן אַלץ, מיט וואָס זיי קומט אויס צו קומען אין קאָנטאַקט.

איינע פון די אויפגאַבן פון די מיטגלידער פון קולטור־בונד איז צו זען, אַז די קינדער אונזערע און די גאַנצע יידישע יוגנט בכלל זאָל אין היים און אין שול אַרומגערינגלט זיין מיט אַטמאָספער פון אמת, אויפריכטיקייט און טיפסטער אָפנהאַרציקייט. ווי וואַסער איז וויכטיק פאַרן פיש, לופט פאַר די לונגען, אַזוי איז אַזאַ אַטמאָס־פער נויטיק פאַר דער גייסטיק־גינסטיקער אַנטוויקלונג פון קינד.

„איינע פון די העכסטע אויסדרוקן פון מענטשלעכקייט" — האָב איך געשריבן אין דער אַרבעט „דערציאונג אַלס זעלבסט־צוועק" — איז אָפנהאַרציקייט אין די באַציאונגען צווישן מענטש און מענטש. זי איז קאַטעגאָריש נויטווענדיק פאַר דער אַנטוויקלונג פון אַ העכערן מין מענטש און פאַר איינשטעלן העכערע סאָציאַלע באַציאונגען. בנוגע די קינדער זענען די פאָדערונגען פון אָפנהאַר־

ציקייט און אויסגעהאַלטנקייט נאָך דרינגנדיקער, מחמת זיי נעמען אויף און רעאַגירן אויף אַלץ אינסטינקטיוו.

„די רעליגיעזע דערציאונגס־אַנשטאַלטן אונזערע ווירקן זייער אָפּט דעמאָראַליזירנדיק אויף דעם כאַראַקטער פון קינד דערפאַר, ווייל דער קאָנטראַסט צווישן דער היים־אַטמאָספער און שול־אַטמאָספער ברענגען אַרויף אויף דער אויבערפלאַך פון קינדס באַוואוסטזיין די צביעות פון די, וואָס רינגלען אים אַרום. מען פאָדערט פון קינד צו טאָן דאָס, אין וואָס די פאָדערער גלויבן אַליין נישט אין די טיפעניש פון זייער האַרץ.

„דאָס זעלביקע איז מיט די קינדער פון די סאָציאַליסטישע שולן. זיי געפינען אין דער היים אָדער גאָר קיין שמץ נישט פון סאָציאַליסטישער אויפפירונג אָדער בלויז אַ בלייכע אָנצוהערעניש אויף איר. אַזוי איז עס אויך מיט די קינדער פון די אַלערליי נאַציאָנאַלע שולן, וועמענס טאַטע־מאַמע זענען אַליין איינגעטונקען אין דער אַמעריקאַניזאַציע".

„נאָר אַ האַרמאָניזירנדיקע, אינטענסיוו־האַרציקע אַטמאָספער אַרום קינד ווירקט צום גוטן אויף דער געשטאַלטונג פונם שפּעטער־דיקן מענטש אין אים". מיטגלידער פון אַ יידיש־נאַציאָנאַלן, ראַדיקאַל־רעליגיעזן קולטור־בונד טאָרן נישט קאַרגן קיין מי אויף צו שאַפן אַזאַ אַטמאָספער פאַר די קינדער פון יידישן פאָלק.

דער לעצטער אני מאמין פון דעם קולטור־בונד דאַרף זיין דער גלויבן, אַז נאָכדעם, ווי עס זענען אין אַלגעמיינע שטריכן געגעבן געוואָרן זיינע אידעאַלן, צילן און גרונט־יסודות, מעג איבערגעלאָזן ווערן צו יעדן איינעמס געוויסן צו באַשליסן, צי איז ער יאָ אָדער נישט ראוי אַלס מיטגליד פון אַזאַ בונד, צי איז ער יאָ אָדער נישט מסוגל צו ווערן ווען עס איז דער אידעאַלער מיטגליד פון אַזאַ בונד. זיין ווילקייט זיך אַנצושליסן איז די בעסטע גאַראַנטיע פאַר דעם, אַז מיט זיין גוטער כוונה וועט ער פיל העלפן צו אַנטוויקלען די אידעאַלן און צילן און צו פאַרפעסטיקן די יסודות פון אַ יידיש־נאַציאָנאַלן און רעליגיעז־ראַדיקאַלן קולטור־בונד.

———— —